YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv09i41

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 9 Issue 41
October 1927

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 9, Iss. 41)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/417

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 41. New York, Friday October 14, 1927 פרייטאג, 14טער אקטאבער, 1927 PRICE 3 CENTS

יוניאן פיהרערשאפט אייגשטימיג מיט פרעז. זיגמאן אז דער קליינער שאפ מוז געהן

די יוניאן, די ארבייטער, און די גאנצע אינדוסטריע האבען אימער געליטען פון דעם צובערקעל-טען, אומפאראנטווארטליכען כאראקטער פון דער קליינער שאפ, — זאגט די קאנפע-רענץ פון מענעדזשערס, ביזנעס אידזשענטס, לאק. עקזעקוטיווס און אקטיווע יוניאן טוער.

אויף א מיטינג פון אלע ניו יארקער באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל — מענעדזשערס, ביזנעס אידזשענטס און אנדערע דזשאינט באארד באאמטע — האט פרעזידענט זיגמאן פארגעלעגט זיין פלאן ווי אזוי אויפצובויען די יוניאן אויף א שטארקען פונדאמענט און ברענגען די אינדוסטריע צו א בעסערען צושטאנד.

ברודער זיגמאן האט אין זיין רעדע אנגעוויזען, דאס אבוואהל אן ארגאניזא-ציאנס-קאמפיין איז פון צייט צו צייט א נויטיגע זאך אין א יוניאן, פונדעסטוועגען קענען די ארגאניזאציאנס-קאמפיינען, וואס ווערען געמאכט פון צייט צו צייט, ניט אפשאפען דעם הויפט-איבעל, פון וועלכען די אינדוסטריע ליידעט, און דער הויפט-איבעל, — האט פרעזידענט זיג-מאן ווידערהאלט, — איז דער קליינער שאפ.

אזוי ווי די יוניאן נעמט זיך איצט ווירקליך צו אויפבויענדער ארבייט און ווערט א לעבעדיגע, טעטיגע קערפער-שאפט, מוזען זיך איבערהויפט די באַ-אמטע פון דער יוניאן אריינטראכטען וועגען מיטלען, וואס וועלען ווירקליך ברענגען די אינדוסטריע צו אזא צו-שטאנד, אז די מיטגלידער זאלען קענען מאכען א לעבען. און זיין מיינונג איז, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט ביי דעם לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד, אז מען מוז זוכען מיטלען צוריקצוברענגען דעם גרויסען שאפ אין טרייד, ווייל דער גרויסער שאפ איז מעהר פאראנטווארט-ליך און מען קען איהם גיכער קאנטראָ-לירען.

א ביישפיל ווי אזוי דער גרעסערער שאפ איז מעהר קאנטראלירבאר, האט פרעזידענט זיגמאן געבראכט פון שיקא-גא'ר קלאוק-דיסטריקט. דארט איז דער קלאוק-דיסטריקט צוטיילט אויף 2 טייַ-לען — קליינע און גרויסע שעפער. צו די קלענערע שעפער אטענדען אגרעסיווע ביזנעס אידזשענטס און פראפארציאנעל מעהר ווי אין דעם דיסטריקט פון די גרוי-סע שעפער, און דאך ווערען אין די גרע-סערע שעפער אפגעהיט די יוניאן-באדי-נגונגען בעסער ווי אין די קלענערע שע-פער און מען האט דארט אין אלגעמיין א סך ווייניגער טראבעל ווי אין די קליינע שעפער.

נאכדעם ווי ברודער זיגמאן האט גע-מאכט זיין איינלייטונג, האבען גענומען דאס ווארט די אפיציעלע טוער פון דער יוניאן — די מענעדזשערס פון די פאר-שיידענע דעפארטמענטס אין דער יוניאן, די ביזנעס אידזשענטס און אנדערע עק-זעקוטיווע און פיהרענדע עלעמענטען, און אלע ווי איינער האבען אנגעוויזען אז די מיינונג פון ברודער זיגמאן דאס דער קליינער שאפ איז די רואינע פון אונזער יוניאן איז הונדערט פראצענט ריכטיג. אלע מאל און צו יעדער צייט האט די יוניאן געליטען פון דעם דאזיגען איבעל, און איצט, ווען די יוניאן נעמט זיך ווירק-ליך צו דערפילען די אויפגאבע וואס א טרייד יוניאן דארף ערפילען, מוז גלייכ-צייטיג נאכגעטראכט ווערען א פאליסי ווי אזוי צוריקצוברענגען דעם גרויסען שאפ.

איינינע האבען זיך אויסגעשפראכען,

(שלוס אויף זייט 10)

דזש. באורד גיט ארויס א ביכעל וועגען וויידזשעס

מיטגלידער פון אלע לאקאלען וועלען קענען באקומען די ביכלעך פריי נעקסטע וואך אין דזשאינט באורד.

אונטער דעם אויפזיכט פון דזשענע-ראל מענעדזשער, דזשוליוס האכמאן, האט דער ניו יארקער דזשאינט באארד איצט אפגעדרוקט א ביכעל פון 72 זייַ-טען, וואס אנטהאלט טאבעלען וואס צייַ-גען ווי אזוי אן ארבייטער קען אויסרע-כענען זיינע וויידזשעס יעדע וואך, און אנטהאלט אויך פילע אנדערע אינפאר-מאציעס וואס זיינען אינטערעסאנט פאר א יוניאן מיטגליד. דער ביכעל וועט ארויס פון דרוק דינסטאג, דם 18טען אָק-טאבער, און אלע מעמבערס, וואס ווילען האבען א קאפיע, וועלען עס קענען באַ-קומען אין דזשאינט באארד אפיס אויפ'ן הויפט פלאר.

דער ביכעל איז שוין געבונדען און מען קען איהם גרינג האלטען אין פא-קעט. עס וועט זיין באהילפיג פאר די ארבייטער אין די שעפער ווען זיי דאר-פען אויסרעכענען וויפיל זיי קומט ווייַ-דזשעס. למשל, אויף דעם פאלגענדען אופן:

אן ארבייטער, וואס קריגט 55 דאָ-לאר א וואך, אויב ער האט געארבייט 33 שטונדען, קאן אויסגעפינען וויפיל איהם קומט, ווען ער וועט אויפבלעטע-רען די זייטעל 12, און וועט נאכהער זיך ווענדען צום ערשטען קאלום, וואו די צאהל שטונדען ווערען אנגעדייטעט, און דאן וועט ער זעהן, אז פאר 33 שטונדען קומט איהם 34.21$.

אויסער וויידזשעס, וועט דער ביכעל אויך געבען א מעגליכקייט יעדען אר-בייטער צו האלטען א רעקארד פון זיינע וועכענטליכע פארדינסטען. עס אנט-האלט אויך א דירעקטארי פון אלע יו-ניאן אפיסעס און דעפארטמענטס, א דיי-רעקטארי פון אלע יוניאן אינסטיטוציעס, און אלע רולס, וואס האבען צו טאן מיט יוניאן אנגעלעגענהייטען.

קאמוניסטישע באבע מעשות וועגען פרעז. זיגמאנס „רייכטימער" פלאצן ביים טרייל

די וויסטע פאלשקייט פון זייערע פארלוימדונגען שטעכען די אויגען.

דער טרייל דיזען דינסטאג פון פרעז. זיגמאן נעגען די קאמוניסטישע בלעטלאך האט נאכאמאל באוויזען ווי מאראליש פארזונקען די גערינדעל וואס גיט זי ארוים, איז, און ווי גרונדלאז זייערע באַ-שולדיגונגען און פארלוימדונגען זיינען. די לאיערס פון די קאמוניסטישע שמי-רער האבען אפילו מיט קיין איינציגען ווארט נישט פארזוכט צו באווייזען און צו דאקומענטירען די באשולדיגונגען פון זייערע קליענטען, און האבען בלויז ווער-טערליך ווידערהאלט די פראגען פון בר. זיגמאנ'ס לאיער, מר. מארקאוויטש, וואס ער האט איהם געשטעלט ביים טרייל פאריגע וואך.

די לאיערס פון די קאמוניסטען, מר. בודין און בראדסקי האבען פולשטענדיג פארשוויגען אלע באשולדיגונגען פון די קאמוניסטישע פארלוימדער, אז זיגמאנ'ס „מאיאנטעק" איז ווערט הונדערט און פופציג טויזענט דאלער, אז דארט ווע-רען געפיהרט אומאנשטענדיגע ביזנעס... און אז דארט ווערט געטריבען א „בוט-לעגינג" געשעפט. דערפאר אבער האבען זיי געזוכט מיט פארשיידענע לאיערשע טריקס זיגמאנ'ען צו פארפלאנטערען און זיינען אליין מיט דיזע פראגען יעדען מאל מיאוס דורכגעפאלען.

לאיער בראדסקי האט נאכאנאנד פראטעסטירט דערפאר, וואס דער דזשאדזש האט איהם פילע מאל אפגע-שטעלט פאר זיינע נארישע פראגען. אזוי ווי אבער דער דזשאדזש טראגט דעם זעלבען נאמען וואס דער קאמוניסטישער לאיער, בראדסקי, האט ער אויף דעם פראטעסט זעהר סארקאסטיש געענט-פערט: „עס וואלט אפשר געווען א פלאן, אז איהר זאלט שטעלען קליגערע פראגען, כדי ניט צו פארשעמען די משפחה."

די וויסטע פאלשקייט פון די קאמו-ניסטישע באשולדיגונגען זיינען אזוי גע-וואלדיג און שטעכען אזוי די אויגען, אז די קאמוניסטען און זייערע לאיערס זייַ-נען הילפלאז אין זייער פארטיידיגונג, און פארמאגען נישט אפילו דעם קלענ-

(שלוס אויף זייט 10)

אינטערנעשאנעל גענ. עקז. באורד אינ-דאסירט פענקין'ס קאנדידאטור

פאדערט אויף אלע מיטגלידער צו רעדזשיסטרירען זיך פאר וואוטען דיזע וואך.

די גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט ביי א זיצונג, וואס זי האט אפגעהאלטען דינסטאג, דעם 17טען אקטאבער, איינ-שטימיג געשטימט פאר פרעזידענט זיג-מאן'ס א פארשלאג צו אינדאסירען דזשייקאב פענקין, דעם סאציאליסטישען קאנדידאט פאר דזשאדזש פון דעם מו-ניסיפאלען קאורט. מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט וואיר-קערס יוניאן, וועלכע וואוינען אין דעם דיסטריקט וואו דזשאדזש דזשייקאב פענ-קין לויפט פאר דעם אמט, זיינען געבע-טען דורך אן אפיל צו וואוטען פאר דזשאדזש פענקין, צוליב זיין אויסערגע-וויינליכער דינסט אין דער ארבייטער באוועגונג און זיין גוטען רעקארד אין'ם קאמף פאר מענשליכע רעכט, וועלכע פענקין האט אלעמאל געשטעלט העכער ווי דאס אייגענטום-רעכט.

די רעזאלוציע, וואס פרעזידענט זיג-מאן האט פארגעבראכט פאר דער דזשע-נעראל עקזעקוטיוו באארד און איז פון דער באארד איינשטימיג אנגענומען גע-ווארען, וועט זיכער האבען א גרויסען איינפלוס אויף די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל, און זיי וועלען ניט פארפעלען צו טאן זייער פליכט ווען זיי וועלען געהן צום באלאט באקס. אין דער רעזאלוציע ווערט ארויסגעבראכט דער רעקארד פון דזשאדזש פענקין אלס סאציאליסט און טרייד-יוניאניסט. די רעזאלוציע לעזט זיך ווי פאלגט:

„די גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן אינדאָר-סירט די קאנדידאטור פון דזשאדזש דזשייקאב פענקין ריעלעקטעט צו ווערען אלס דזשאדזש פון דעם מוניסיפאל קאורט.

דזשאדזש פענקין האט א גלענצענדען

(שלוס אויף זייט 12)

דזש. באורד נעמט באלדיגע עקשאן נעגען פירמעס וואס פארלעצען יוניאן אגרימענט

4 שעפער אין סטרייק פאר ניט טיילען גלייך ארבייט צו אוטסייד קאנטראקטארס, און פאר ניט באצאהלען פאר לייבאר דעי.— קליפשטיין פירמע צווישען די סטרייקענדע שעפער.

די לעצטע וואך און היינטיגע וואך פארנעמען אין קאמף נעגען דער יוניאן און נעגען יוניאן קאנדישאנס דעם אוי-בען-אן די פיער פירמעס, קליפשטיין, זיידענבערג, ליפטשאנסקי בראס. און פריישטאט.

דיזע קלאוק פירמעס האבען זיך פאר-געסען אז עס איז דא א יוניאן און זי וועט ניט דערלאזען קיין הפקרות אין די שעפער. אייניגע באלעבאטים האבען זיך אן איינגענעם רעכענונג. זיי טראכ-טען ביי זיך, אז די יוניאן האט דורכ-געמאכט א שווערע צייט און אזוי ווי איצט איז סלעק אין טרייד, וועלען זיי זיך כאפען צו א בפירוש'ן דין: „כל ראלים גבר". דאס הייסט, צאפ דאס בלוט, ברודער, אזוי לאנג ווי עס לאזט זיך, און לאך זיך אוים פון עהרענ-ווארט, פון אפמאך, און נאך אזעלכע נארישקייטען.

די יוניאן איז אבער פאראן גלייך

(שלוס אויף זייט 10)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 41.

זייט 2. נייעס; דרעסמייקערס — דזש. ספיעלמאן.
זייט 3. טשיקאווע זאכען אין א יוניאן (2טער ארטיקעל) — פנחס בן שמואל.
זייט 4. א טשיקאגא'ער פיידזש.
זייט 5. פון אונזער לעבען און קאמף — פ. העלין.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. פונקטען ביי דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן.
זייט 8. דאס פראבלעם פון קליינעם שאפ אין דער קלאוק אינדוסטריע — פ. קורינסקי.
זייט 9. די ברידער מארא — על עם. א פארזוך צו דראמאטיזירען די ארבייטער באוועגונג — פ. מ. קאהן.
זייט 10, 11 און 12. שלוסען; נייעס; אדוו.

לאזט זיך ניט נארען!

ברידער און שוועסטער, קלאוק און דרעס מאכער!

אומגליקליכער ווייזע איז דער הייניגער ווינטער סיזאן זעהר א שוואכער, די אומרעגעלמעסיגע ארבייט, און דער אומגינסטיגער וועטער, זיינען די אורזאכען דערפון. עס איז אבער זיכער, אז אזוי שנעל ווי דער וועטער וועט זיך ענדערען, וועט זיין מעהר ארבייט אין טרייד.

די קאמוניסטישע יוניאן-ברעכער, וואס ספעקולירען אימער אויף אונזער נויט און הונגער, וועלען, ווי געוועהנליך אין צייטען פון ארבייטסלאזיגקייט, אויך דיזען מאל אנפאנגען זייער שארלאטאנסקע ארבייט געגען אונזער יוניאן, פאר וועלכער מיר האבען יאהרען לאנג בלוטיג געקעמפט.

די היימאנס און זימערמאנס, די בארוכאוויטשעס און פארטנאיס, וועלכע האבען אויף אונז ארויפגעצוואונגען דעם לעצטען גענעראל סטרייק אויפ'ן אוקאז פון דער קאמוניסטישער פארטיי, דיזע קאמוניסטישע אגענטען, וועלכע האבען אויסגעליידיגט אונזער קאסע, פארסקעכט דעם טרייד, צובראכען אונזער יוניאן, און אויף אונז, קלאוקמאכער, געבראכט נויט און הונגער, פיין און קעלט, האבען נאך די חוצפה צו העצען און צו באשמוצען אונזערע פיהרער, און ספעציעל אונזער פרעזידענט זיגמאן, וועלכער האט אלע זיינע יאהרען טריי און איבערגעגעבען געדינט דער יוניאן, און גיט איצט אוועק אלע כחות אונזער יוניאן ווידער אויפצובויען, נאכדעם ווי די קאמוניסטישע סקעב אגענטען האבען איהר אזוי געוויסענלאז פארניכטעט.

שוועסטער און ברידער! טראץ דעם, וואס די קאמוניסטישע אגענטען האבען פארפלייצט דעם טרייד מיט סקעב שעפער, טראץ דעם שלעכטען סיזאן, איז דער יוניאן דאך געלונגען ווידער צו שאפען אן ארגאניזאציע, אויסצוראטען טיילווייז דעם הפקר צושטאנד אין טרייד, און צו ארגאניזירען א גרויסע צאהל סקעב שעפער.

די קאמוניסטישע צושטערונגס ארבייט קאן אבער ניט אין איין טאג אינגאנצען ווידער גוט-געמאכט ווערען, און מיר מוזען האבען געדולד ביז עס וועט אונז געלונגען אונזער יוניאן ווידער אזוי קאמפפעהיג צו מאכען ווי אין די צייטען איידער די קאמוניסטען האבען זיך פארמאסטען אויף איהר לעבען.

שוועסטער און ברידער! לאזט אייך אלזא ניט פארפיהרען פון דער באנקראטירטער קאמוניסטישער סקעב אידזשענסי און זייערע „אומפארטייאישע" משרתים, וועלכע פלעכטען א שווארץ-רויטען שטריק אונטער א מאסקע פון „אומפארטייאישקייט", כדי צו דערשטיקען אונזער יוניאן.

קלאוק און דרעסמאכער! שטעהט מיט אייער יוניאן, און איגנארירט די קאמוניסטישע סקעב אידזשענסי. לאמיר מיט געמיינזאמע כחות באקעמפען אלע פארשווערונגען געגען אונזער ארגאניזאציע, און ווייטער בויען אונזער יוניאן!

נידער מיט דער קאמוניסטישער סקעב אידזשענסי! אוועק מיט דעם „אומפארטייאישען" שווינדעל! זאל לעבען די דזשאינט באארד! זאל לעבען א שטארקע און מעכטיגע קלאוק און דרעסמאכער יוניאן!

ארגאניזאציאנס-קאמפיין האט געבראכט גוטע רעזולטאטען פאר דער יוניאן

(שלוס פון זייט 1)

דער סיזאן זאל געווען זיין אזוי ווי מען האט ערווארטעט. סלעק איז געווען די הויפט שטערונג. די סלעק, וואס הערשט אין טרייד, — האט האכמאן געזאגט, — האט ניט דערלאזען טאן מעהר ארבייט. דעם קאמוניסטישען געזינדעל וואס האט אין צייט פונ'ם ארגאניזאציאנס קאמפיין ארגאניזירט זיך אין א פשוט'ע סקעב אידזשענסי צו שטערען דעם דרייוו איז די ארגאניזאציאנס קאמיטע בייגעקומען און זיי האבען ניט געקאנט ערפילען זייער סקעב מיסיאן. זיי האבען קיין ממשות ניט געהאט אפילו אין דעם גאר אנהויב פון דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין און וואס ווייטער ווערען זיי א פארגעסליכע זאך — א זאך פון דער פארגאנגענהייט. עס וועט נאר בלייבען אין זכרון זייער סקעבישער רעקארד.

מען ערווארטעט, האט בר. האכמאן געזאגט, אז דעם מאנאט אקטאבער זאל זיין אביסעל מעהר ארבייט. די אויסזיכטען אויף מעהר ארבייט זיינען דערפאר ווייל די מאנופעקטשורערס און די דזשאבערס האבען ניט געשניטען קיין סטאק. פארזיכערען קאן מען דאס ניט, צוליב די קאמפליצירטע לאגע אין דער אינדוסטריע. אויב אבער דער גליק וועט צושפילען און עס וועט זיין מעהר ארבייט דעם מאנאט אקטאבער, אזוי ווי מען ערווארטעט, וועט די ארגאניזיישאן קאמיטע אויסנוצען יעדען טאג פון מאנאט, און יעדער סארט געלעגענהייט פאר ווייטערדיגע ארגאניזאציאנס ארבייט.

די ארגאניזאציאנס קאמיטע וועט דורך דער צייט פארשטארקען איהר טעטיגקייט ארום די ניט יוניאן שעפער אין אזא וועג אז עס זאל דעם חודש ברענגען ווי ביז איצט געווינשטע רעזולטאטען פאר דער יוניאן.

מענעדזשער האכמאן האט אויך אין זיין באריכט ארויסגעבראכט דעם פאקט אז דורך די לעצטע 6 וואכען צייט זיינען געוועזענע לינקע שעפער געווארען אמת'דיקע רעכטע. זיי האבען זיך פארפליכטעט צו זיין לאיאל צו דער אינטערנעשאנאל און זיך אינגאנצען אפגעקערען פון דעם געוועזענעם לינקען געזינדעל אין דער יוניאן. אין אלגעמיין האט די יוניאן איצט א וואכזאם אויג אויף אלע געשעהענישען און דער יוניאנס האריזאנט ווערט העלער און העלער.

דער פונדאמענט פון דער יוניאן איז אנגעקנעלעגט. די יוניאן לעבט. דער יוניאן קאנטראל אין די שעפער איז כסדר פארשטארקט געווארען אפילו אין דעם איצטיגען שלעכטען סיזאן. די יוניאניזירונג פון דער אינדוסטריע ווערט גראדעגווייז געבראכט צו א גרויסען מאסשטאב. די צוריק אויפלעבונג פון דער יוניאן האט אויך געבראכט דערצו אז די באליבאטים זאלען אנהויבען האנדלען מיט מעהר פאראנטווארטליכקייט ווי אין דער פארגאנגענהייט. און אזוי וועט די יוניאן אנגעהן מיט דער ארבייט ביז זי וועט אויסשפרייטען איהר איינפלוס און פארגרעסערען איהר מאכט ביז זי וועט קומען צו איהר אמאליגען מצב; ביז די ארבייטער וועלען דערפילען אז זיי האבען ווידער א מעכטיגע יוניאן וואס קאן אויף ריכטיג פארטיידיגען זייערע אינטערעסען.

קליינער שאפ, דער הויפט איבעל אין דער אינדוסטריע, זאגט פרעזידענט זיגמאן

(שלוס פון זייט 1)

אויך. אבער אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין זעלבסט, ווי ערפאלגרייך ער זאל ניט זיין, וועט ניט אפשאפען די הויפט איבלען פון וועלכע די ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע ליידען. לאמיר זיך דעריבער אריינטראכטען אין דער זאך נאך מיטער און זאל יעדער איינציגער פאר זיך טראכטען און צוזאמען וועלען מיר קומען צום מקור, צו קאנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען.

„אום צו פארשטארקען די יוניאן קאנטראל, דארף מען טאן מעהר ווי ארגאניזיישאן ארבייט; מען מוז אפשאפען די קאנקורענץ וואס דער קליינער שאפ האט באשאפען.

„בעפאר דעם אומגליקליכען סטרייק און אין דער צייט פון סטרייק האב איך דאס געמאנה'ט מיט די קאמוניסטען. איך האב זיי געוויזען א וועג. איך האב זיי געזאגט און האב זיי מיט פאקטען באוויזען וואס דער צוועק פון לימיטיישאן איז; איך האב זיי אנגעוויזען אויף דעם פאקט ווי לימיטיישאן, וואס דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האט נאכגעגעבען דער יוניאן, האט באצוועקט צו ברענגען א גרעסערען סאב-מאנופעקטשורינג שאפ. דאס איז געווען די העכסטע וויכטיגע פאדערונג. עס איז געווען וויכטיגער ווי שטונדען צו יענער צייט. דער פאקט איז, אז ווען מען זאל געוועזען נעמען צו א וואוט פאר א סטרייק פאר שטונדען, וואלטען די קלאוקמאכער ניט געוואוט. אבער די אייזעלשע קאמוניסטישע קעפ האבען דאס ניט פארשטאנען, אדער זיי האבען דאס ניט געוואלט פארשטעהן.

„און דער סטרייק איז געקומען, האבען זיי דעם פונקט ניט נאר פארנאכלעסיגט, נאר זאגאר אויפגעגעבען. דאס האט געמיינט אז זיי האבען אויפגעגעבען א געלעגענהייט צוריקצוקריגען דעם גרויסען שאפ".

ווי די אינדוסטריעלע אומשטענדען זיינען איצט ניט גינסטיג, מאכט מען אין די גרויסע שעפער פארט א לעבען. דער גרויסער שאפ, אפילו דארט וואו מען דארף קעמפען און זיין שטענדיג אויף דער וואך, אז יוניאן קאנדישאנס זאלען אנגעהאלטען ווערען, איז עס דאך ניט פארגלייכבאר צום קליינעם שאפ. דעם קליינעם שאפ איז אונמעגליך צו קאנטראלירען. דער קליינער שאפ [illegible] דעם גרויסען שאפ צו ווערען א דזשאבער. די קאנקורענץ ווערט גרויס, דער קאמף פאר עקזיסטענץ קריגט די אויבערהאנד, די קאנקורענץ וואקסט און מיט דעם וואוקס פון קאנקורענץ פאלט דער סטאנדארד פון די ארבייטס-באדינגונגען. זיי ווערען שטופענווייז ארונטערגעדריקט אזוי, אז דאס ריהרט אן יעדען שאפ באזונדער. און וואס איז די אויפגאבע פון א יוניאן, אויב ניט צו זעהן אז די ארבייטס-באדינגונגען זאלען אפגעהיט ווערען און אז דעם מיטגליד'ס אינטערעסען זאלען באשיצט ווערען?

צו דער לעצטער פראגע גיט ברודער זיגמאן דעם ענטפער, אז א ראדיקאלע שטעלונג מוז גענומען ווערען אפצושאפען דעם הויפט איבעל, דעם קליינעם שאפ. ער באריכטעט וועגען דעם פלאן וואס ער האט פארגעשלאגען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, ווי אזוי אויסצוקומען מיט דעם קליינעם שאפ און ברענגען צוריק דעם גרויסען טיפ שאפ, אין וועלכען עס הערשט מעהרער פאראנטווארטליכקייט און וועלכען מען קען מעהר קאנטראלירען. די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דעם פלאן גוט באטראכט און שטודירט איהם און וועט איצט אנפירען א קאמפיין געגען דעם קליינעם שאפ. ער וויל דעריבער אז די דזשאינט באארד דעלעגאטען און אלע לאקאלע באאמטע סיי באצאהלטע און ניט באצאהלטע זאלען וועגען דעם פלאן נאכדענקען, פונקט אזוי ווי די גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דאס געטאן.

די רעדע פון ברודער זיגמאן איז ווירקליך געווען באלערנד, און לויט די זעלטענע באגייסטערונג און ענטוזיאזם, לויט דעם געוואלדיגען אינטערעס, וואס אלע אנוועזענדע ביים דזשאינט באארד האבען ארויסגעוויזען, וועט דער לעצטער דזשאינט באארד מיטינג זיכער ברענגען קאנסטרוקטיווע פרוכט, קאנסטרוקטיווע רעזולטאטען.

עס וועט אויך אין די קומענדע פאר טעג גערופען ווערען א מיטינג פאר דעם צוועק פון די מעהרערע אקטיווע מיטגלידער פון דער יוניאן פון די גרעסערע און קלענערע באאמטע. אויך זיי וועלען זיך דארפען אריינטראכטען אין דער פראגע. עס מוזען באזייטיגט ווערען די איבלען פון וועלכע דער קלאוק און דרעס מאכער ליידעט. עס מוז וואקסען דער כח פון דער יוניאן.

עס איז גאר ניט ביליג ניט די קוואליטעט און ניט דער פרייז פון א פיינעם דיאמאנט. ער איז פעהלערלאז . . . גלאנציג . . . און זעלטען . . . וואס לענגער מען בעזיצט איהם אלץ בעסער בעגרייפט מען זיין ווערטה.

אלס דער איינציגער סיגארעט פון אויסערגעוועהנליכער אויסגעצייכענטקייט און זעלטענעם ווערטה, איז מיוראד ווירקליך אן אויפטו . . . א העכסטע וואונדערבארע מישונג פון די פיינסטע טאבאק-סארטען, וואס וואקסען. וואס לענגער מען האלט זיך ביי איהם אלץ מעהר ווערט מען איבערצייגט אין זיין גוטסקייט.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סיגארעט פאר דעם אויסערגעוועהנליכען מאן. וועלכער פיהלט דאס ער איז בארעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען

טשיקאווע זאכען אין דער יוניאן

בערל דער לץ אין יוניאן סקוועיר פארק. — אן אינטערעסאנט ווארט פון א דעבוטאנט: — א גרויסע שיף פאדערט גרויסע זעגלען. — פערלמוטער'ס משל מיט א פאר פאלק צו איינעם וואס בלוטיגט זיין הארץ און פארבייט זיינע פרינציפען פאר א זילבערנעם שקל. — ער ווייזט ביים פענסטער זיין פרינציפ. — ווי אזוי באלמעלאכעס האבען געוואלט צייגען, אז א יוניאן קען גארניט אויפטאן. — דער איד וואס רעדט איטאליעניש ברענגט א ביישפיל פון אמאליגע צייטען ווי אזוי מען האט געטאן ארגאניזאציאנס ארבייט.

(געהערט און געזעהן)
פון פנחס בן שמואל

2.

קומט צוגעהן א בחור, זאגט מען איהם, אז ער וועט דארפען צאלען 12 דאלאר און זיינע דיוס.

— סטייטש, איך בין דאך א פרינציפיעלער מענש, נאך אלעמען. איך האב דאך געצאלט דיוס צו א צווייטער יוניאן. אמת, איהר זייט ניט איינשטימיג, אבער איך האב דאמאלסט געגלויבט און האב געצאלט.

— אלרייט, — זאגט פערלמוטער, — צייגט מיר אייער ביכעל. גיט מיר די באווייזען, אז איהר האט געצאלט דארטען דיוס, וועלען מיר ביי אייך קיין דיוס ניט נעמען.

אין קורצען, טענות אהין, טענות אהער, דער סוף איז געווען, אז מען האט אויסגעפונען, אז ער האט אפילו קיין סענט דיוס דארט ניט געצאלט. און אזעלכע, רבותי, זיינען פאראן אין די מאסען. די צייט איז פאר זיי פשוט געווען א פיקניק ניט צו צאלען קיין דיוס. הונדערט פראצענט פרינציפיעלע לייט!

*

ביי דער ווינדאו פון לאקאל 2 אפיס שטעהט א איד און דינגט זיך זעהר מיט דייווידאוו'ן, מאכט גוואלדען ביז'ן הימעל אריין:

— דאס, — שרייט ער, — איז ביי אייך א יוניאן? איהר מיינט פרינציפ? עס איז ביי אייך בלויז ביזנעס! אייך ארט עס עפעס, אז מיר קרענקט דאס הארץ? איהר זייט דאך גאר קיין מענשען ניט. אבער ווען איהר וואלט ניט געקראגען קיין פיידע זעקס מאנאטען, וואלט איהר דאס געפיהלט! איהר שטעהט דא, איהר פארטרעט ניט די ארגאניזאציע.

— וואס איז אייער פרינציפ? — פרעגט איהם דייווידאוו.

— אט דאס איז מיין פרינציפ. אט איז מיין ביכעל!

— פארוואס זייט איהר ניט געווארען קיין יוניאן מאן ביז איצט? — פרעגט איהם דייווידאוו.

— פארוואס? ווייל איך בין ניט איינשטימיג מיט אייערע פרינציפען. איהר פראטעקטעט ניט קיין שוואכערען, נאר דעם שטארקערען, און די שטארקע קענען זיך באגעהן אהן אייך.

— וואו האט איהר געארבייט ביז איצט? — פרעגט איהם דייווידאוו. — וואו האט איהר געארבייט אין צייט פון סטרייק?

— אין צייט פון סטרייק האב איך געארבייט ביי דרעסעס אין א קלינינג סטאר.

— וועל, ברודער, איהר וועט מוזען איינצאהלען פאר א ביכעל. עס טוט מיר זעהר לייד.

— א, — זאגט ער, — דאס איז די וועלכע האבען גוטע געדאנקען. יע. דאס איז אייער פרינציפ. געלט. איהר זוכט ניט צו פראטעקטען קיין לעבען, איהר זוכט נאר געלט.

— ווייסט איהר וואס, — זאגט דייווידאוו, — צייגט מיר אייער ביכעל, לאמיר זעהן פון ווען איהר זייט א מעמבער.

— צו וואס דארף איך אייך צייגען מיין ביכעל? אפשר האב איך גאר געפעדעלט?

— הייסט עס, אז איהר זייט גאר געווען א פעדלער און איהר האט ניט געארבייט ביי דרעסעס. איהר ווידערשפרעכט זיך זעהר. ווי קומט עס, אז א פרינציפיעלער מענש זאל זיך ווידערשפרעכען?

— נו, האב איך ניט קיין ביכעל. איך וויל אייך טאקע ניט צייגען.

— אז איהר ווילט ניט צייגען, וועלען מיר אייך ניט געבען קיין ביכעל.

— נו, וועל איך אייך טאקע יע צייגען.

דער סוף איז געווען, אז דער איד שלעפט ארויס פון פאקעט פון זיין פאק פאפירלאך א סטרייקינג קארד פון 1919. און עס איז קיין אנדער ברירה ניט געווען ווי צו שיקען דעם מאן צום מעמבערשיפ קאמיטע. זאלען זיי אויך האבען אביסעל שפאס. אבער אז ער איז א פרינציפיעלער לינקער, דאס האט ער באשטעטיגט טאקע מיט זיין לעצטען אקט.

*

עס איז פאראן א יונגערמאן אין אפיס, א מיטגליד פון לאקאל 9, מיט'ן נאמען מילער, וועלכער איז אנגעשטעלט אלס קאמפליינט קלוירק. דאס איז זעהר א וויכטיגע ארבייט. עס איז אן ארבייט וואס דארף פארזיכטיג און שנעל אטענדעט ווערען, און ווי עס ווייזט אויס, האט דער אפיס אויסגעפונען, אז מילער קען פארטרעטען די פאזיציע.

פרעג איך ביי מילער'ן:

— וואס הערט זיך עפעס ביי אייער ווינדאו טשיקאווע זאכען?

— איך וועל אייך דערצעהלען, — זאגט ער, — אויב איהר וועט עס אננעהמען פאר א טשיקאווע זאך, ווי אזוי באלמעלאכעס האבען געוואלט איבערצייגען אן ארבייטער, אז א יוניאן קאן גארניט אויפטאן. דאס איז געווען איידער איך בין געווען קאמפליינט קלוירק. איך בין דאמאלסט געווען א ביזנעס איידזשענט. איך בין ארויף אין א שאפ, וואו די ארבייטער האבען זיך גאר ניט פארהאלטען ווי יוניאן לייט דארפען זיך פארהאלטען. עס האט זיך געמאכט א ביסעל ארבייט אין שאפ, האט דער באס גענומען איין פריהמארגען און האט אוועקגעשיקט איינעם פון זיינע עלטערע שניידערס, אזעלכען וועלכען ער האט געזוכט ביי יעדער געלעגענהייט אוועקצושיקען.

דער שניידער איז געקומען מאכען א קאמפליינט. האט מען איהם געפרעגט אויב ער האט א יוניאן ביכעל. ער האט באוויזען א רעסיט אויף פופציג סענט. קיין יוניאן ביכעל האט ער ניט געהאט. האט מען דעם שניידער ערקלערט, אז א יוניאן איז אן אינסטיטוציע וואס פארטרעט יוניאן לייט און ער דארף ארויסנעמען א ביכעל. נאר זיין קאמפליינט האט מען אויפגענומען. זיין קאמפליינט איז געווען, אז ער איז דיסטשארדזשט געווארען אין מאנאט יוני. פונ'ם קאמפליינט פארשטעהט איהר שוין, אז עס איז געווען זעהר א שוואכער קאמפליינט, און מען האט גארנישט געקאנט אויפטאן. פונדעסטוועגען זיינען מיר ארויף אין שאפ און מען האט גענומען פאר דעם באלמעלאכע א וואך וויידזשעס.

דער איד איז ווייטער געקומען צום פענסטער און זאגט, אז ער האט געהערט, אז די באלמעלאכעס דארפען אויך געבען א וואך וויידזשעס. ווען איך בין ארויפגעקומען אין שאפ האבען זיי מיר געגעבען א תירוץ, אז ניט נאר ווילען זיי ניט געבען, נאר זיי האבען אפילו ניט געוואלט ליידען וואס דער באלעבאס האט געגעבען.

— סטייטש, — פרעג איך, — וואו איז דער שכל? קען זיין, אז איהר האלט ניט מיט דער אינטערנעשאנאל, אבער, אלס ארבייטער, דארפט איהר איהם העלפען, אז ער זאל עפעס האבען צו לעבען ווען ער איז אנטזאגט געווארען פון זיין דזשאב. נאך אלעמען, איז ער אן עלטערער מענש און קען אזוי גיך קיין אנדער דזשאב ניט קריגען.

האט זיך ארויסגעוויזען, אז די באלמעלאכעס האבען טאקע געזאגט, אז זיי זיינען גוטהערציג און זיינען ניט דאגעגען, אז דער באלמעלאכע זאל קריגען וויידזשעס, אבער ניט אין דעם שאפ. ווייל מיט דער וואך וויידזשעס וואס מען האט קאלעקטעט פונ'ם באס האט מען געצייגט, אז די יוניאן קאן עפעס אויפטאן, און אזוי ווי זיי זיינען ניט קיין רעכטע, האבען זיי ניט געוואלט געבען קרעדיט דער אינטערנעשאנאל, אז זי קען עפעס אויפטאן. דעריבער, זיינען זיי פרינציפיעל מיט דער מיינונג, אז דער ארבייטער האט ניט געדארפט בעהאלפען ווערען כדי צו מאכען דעם קרעדיט פון דער אינטערנעשאנאל צו גארניט.

קיין פראגע ניט. שכל'דיגע און פרינציפיעלע באלמעלאכעס.

*

צווישען א גרופע ארבייטער אין די העדקוואטערס פון ארגאניזיישאן קאמיטע, די אמאליגע פעסטונג פון דעם ארויסגעווארפענעם לאקאל 2, שטעהט א איד, א מיטגליד פון לאקאל 9 און דערצעהלט וועגען זיינע אמאליגע איבערלעבונגען און גיט א ביישפיל ווי אזוי אמאליגע צייטען האט מען געטאן ארגאניזאציאנס ארבייט. זיין נאמען איז פיליפ קאהען, און זיין ביכעל, דאכט זיך, ציהט זיך נאך פון די 80'ער יאהרען. ער איז באקאנט אלס דער איד וואס רעדט איטאליעניש. זיין אויסזעהן איז אפילו אזעלכער, ווי א פארשווארצטער חנ'עוודיגער איטאליענער וואס וואלט געקומען פון דעם זונינען און ווארימען זומער־לאנד וואו עס וואקסען די פילע פאמעראנצען גערטנער.

— איך געדענק צייטען, — רעדט אזוי דער איד, — ווען עס איז געווען א סטייל, אז ווען מען האט געוואלט א ניקעל, האט מען זיך גלייך ארגאניזירט אין א יוניאן. איך האב דאמאלסט געארבייט פאר שיין בראדערס, און איך האב געהאט פארבינדונגען מיט דער יוניאן. עס פארשטעהט זיך, אז אזא איד ווי איך, האב אלע מאל געהאט פארבינדונגען מיט דער יוניאן.

איך בין דורכגעגאנגען פארביי דעם יוניאן אפיס איין פריהמארגען צו דער ארבייט, ארום 8 אזייגער אין דער פריה, קלאפט מיר שלעזינגער אן אויפ'ן פענסטער. ער איז דאן געווען דער ארגאנייזער. די אמעריקען פעדריישאן און לייבאר האט איהם דאמאלסט געצאלט וויידזשעס, 25 דאלאר א וואך. ער רופט מיך אריין און זאגט צו מיר: קאהען, דארפסט מיר ארויסהעלפען.

— היינט? — האב איך מיט איהם זיך גענומען דינגען, — אפשר קען עס זיין אויף מארגען?

— ניין, — זאגט ער, — היינט דארפסטו מיר ארויסהעלפען אין קארפ בראדערס שאפ. 25 איטאליענער זיינען דארטען ארויף סקעבען.

עס איז געווען אין א מאנטאג. און אזוי ווי ער האט מיר געגעבען סטריקט ארדערס, אז איך מוז איהם ארויסהעלפען, בין איך גלייך אוועק אין האל. איך געדענק אזוי ווי עס וואלט געווען היינט, אז עס איז געווען אין סטענטאן סטריט. איך האב גלייך אפגעהאלטען מיט די סטרייקערס א מיטינג. דאס איז געווען מיין ערשטע ארבייט. אבער מיט קיין מיטינגען, פארשטעהט איהר מיך, מאכט מען ניט קיין סקעבס צו סטאפען פון דער ארבייט. בין איך ארויס אויפ'ן פיקעט ליין, און איך האב גלייך געזעהן די סקעבס.

וואס מיינט איהר, איך בין לייכט געפאלען אויף א פלאן צו מאכען קארטלעך. די קארטלעך האב איך צוטיילט צו די סקעבס. דארטען איז געווען אנגעשריבען, אז עס איז א סטרייק און איך האב זיי געגעבען נאמען, אז דינער טיים מוזען זיי ארונטערגעהן. דינער טיים, און עס האט טאקע געמוזט זיין דינער טיים. דאמאלסט, פארשטעהט איהר, האב איך געהאט א געלעגענהייט צו ריידען מיט זיי. און ווען איך האב מיט די סקעבס אנגעפאנגען ריידען, איז בקיצור המעשה, וואס זאל איך אייך דערצעהלען, זיי האבען פארלאנגט צוויי הונדערט דאלאר.

איז ווענען קיין געלט האב איך גלייך ניט געוואלט ריידען. ווייל עס איז קיין געלט ניט געווען, אפילו ווען מיר וואלטען געוואלט געבען. נאר איך האב געבעטען, אז זיי זאלען קומען צו א שאפ מיטינג און דארטען וועלען מיר ריידען ביזנעס. אבער זיי האבען זיך אנטזאגט.

האב איך ווייטער געהאט א מיטינג מיט די סטרייקערס און מיר האבען דארט באשלאסען, אז אויב מיר קענען גארניט טאן מיט גוטען, דארף מען געהן מיט בייזען. דאס איז אייגנציגע וואס מען קען טאן מיט סקעבס.

און ווי באלד אז עס איז באשלאסען געווארען מיט בייזען, בין איך א איד וואס איך שטעל זיך ניט אפ פאר קיין זאך. אפילו היינט צו טאג, איך געה נאך היינט ארויף 18 פלארס אויב מען דארף אין א קאמיטע. און ווירקליך טוט ער דאס.

אלזא, איך האב אויסגעפונען, אז דינער־טיים געהען אראפ צוויי איטאליענער קויפען דינער. האב איך אפגערעדט מיט מיינע סטרייקערס, דאס אזוי ווי איך וועל אנהויבען מיט זיי צו ריידען, און איך וועל דערלאנגען, — אזוי ריכטיג דערלאנגען.. זאלען די סטרייקערס מאכען ארום מיר א רינג און איך וועל זיין אין דער מיט צווישען די צוויי איטאליענער. און אזוי האב איך געטאן. פריהער האב איך אנגעפאנגען ריידען אין א גוטען טאן מיט די סקעבס. האבען זיי מיר געענטפערט, אז זיי ווייסען ניט פון קיין יוניאן און פון קיין סטרייקס, זיי האבען געזעהן אן אדווערטייזמענט, זיינען זיי ארויף ארבייטען.

האב איך אנגעפאנגען שטרענגער, און אזוי מיט א שטרענגען טאן, ווי עס דארף צו זיין. איך טו א קוק, מיין איטאליענער האלט זיך ביים פאקעט, ציהט ארויס א שערעל. א יונגער מענש בין איך דאמאלסט געווען. נו, וואס זאל איך דא א סך דבר'ן, איך האב גארניט געווארט און איך האב איהם אנגעהויבען אזוי צו דערלאנגען, אז זייער פארדאמט גליק איז געווען, וואס אנטקעגען איז געווען דער האספיטאל און מען האט זיי גלייך געמאכט די סטיטשעס.

— אט אזוי, — זאגט ער, — דארף מען אנגעהן מיט סקעבס. מיט זיי טאר מען זיך ניט שפילען.

— און איך וויל אייך דערצעהלען נאך א זאך. עס איז געווען א לייזער דער ארויסהעלפער. און ער האט ניט געקענט אזוי גיך אפציהען. האב איך איהם גלייך געגעבען איבער די פיס און ער האט געמוזט אפציהען היינקעדיגערהייט. איהר ווייסט וואס דער שכל דערפון איז געווען? איך האב אויסגערעכנעט, אז מען טאר קיינעם ניט ארעסטירען. דאס איז געווען אונזער אויפגאבע. קיין געלט איז ניט געווען, און מען האט ניט געטארט מאכען קיין עקספענסעס.

און גלויבט מיר, אז עס איז דאמאלט געווען א טאג, אז עס איז געווען א רחמנות ארויסצולאזען א הונט אויפ'ן גאס. א שניי, א זאווערוכע, קאלט, עס איז נאך געווען אין יענע צייטען ווען גראסמאן איז געווען דער ביזנעס־איידזשענט.

די ענדע איז געווען, אז נאך דער געשעהעניש, דריי אזייגער בייטאג, האט קארפ גערופען שלעזינגער'ן און האט געסיינט אן אגרימענט. דער סטרייק האט אין גאנצען אנגעהאלטען צוויי וואכען צייט. מיט דער חברה קאן מען קיין סך טענות ניט מאכען. דאס איז דער איינציגער וועג ווי אזוי מיט דער חברה זיך צו באגעגענען.

— די ארגאניזיישאן קאמיטע, — זאגט ער — האט אביסעל רחמנות, ווען מען דערצעהלט זיי מעשיות, לינקס, שמינקס. דאס זיינען סקעבס! מען דארף זיי געבען קלעפ.

צי די טעאריע איז אן אויסגעהאלטענע ווייס איך ניט, לאז איך איבער צו די לעזער צו אנטשיידען. אבער איין זאך איז זיכער, אז קאהן קען גוט איטאליעניש, דאס האב איך אויסגעפונען. און נאך א בעסערע זאך — ווי לאנג ער איז א יוניאן מאן, טוט ער זיין ארבייט מיט אזא ענטוזיאזם, מיט אזא פרישקייט, פונקט ווי אין די איינגערע יאהרען.

אזוי ווי עס איז איצט א נייע יאהר, ווינשען מיר איהם צום נייעם יאהר, אז ער זאל ווייטער קענען אנגעהן מיט אזא יונגען, פרישען כח, ווי אין די יונגע יאהרען זיינע.

דערמיט ענדיגען מיר אונזערע מעשה'לאך, געהערט און געזעהן. א צווייטען מאל וועלען מיר דאס פארבעסערען.

ער איז געגען די דיקטאטור פון די גרויסע לאקאלען.

ווערטער רעדאקטאר „גערעכטיגקייט":

איך האף, אז איהר וועט מיר ערלויבען א פאר ווערטער אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט.

אייגענטליך איז דאס שוין א פראגע נים פון היינט. אויב איך מאך ניט קיין מיסטייק, איז די פראגע שוין אויפ'ן טאגעס־ארדנונג זינט 1916, און אויב זי איז נאך ניט געלייזט געווארען ביז היינט איז די אורזאכע דערפון דאס, וואס דא האנדעלט זיך ניט וועגען פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט אין דער אינטערנעשאנאל נאר אין דזשאינט באארד. ווען דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען פארטרעטערשאפט אין דער אינטערנעשאנאל אליין, וואלט די פראגע שוין לאנג געווען א פארגעסענע זאך. אין דער אינטערנעשאנאל ווערען זעלטען פארהאנדעלט פראגען פון באזונדערע פאכען. דארטען האנדעלט זיך מייסטענס וועגען דער יוניאן אלס גאנצע. דערפאר איז לאגיש צו האבען דארט פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. אין דזשאינט באארד קען אבער ניט איינגעפיהרט ווערען קיין פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. אין דזשאינט באארד קומען מייסטענס פאר פראגען וועגען יעדען פאך באזונדער, און ווען דער גרויסער טרייד זאל האבען א גרעסערע צאהל פארטרעטער אין דזש. ב. וועט דער קלענערער טרייד זיין אלעמאל אונטערגעווארפען אונטער דעם באשלוס פון דעם גרעסערען לאקאל, אונטער זיין דיקטאטור פאקטיש.

מען דארף ניט פארגעסען, אז דער געפיהל פון לאקאל פאטריאטיזם איז גאנץ שטארק, און ווען עס קומט צו א פראגע פון מיין לאקאל, שטעלט מען זיך ניט אפ אויף דעם שאדען וואס א געוויסע זאך קען ברענגען צו א שוועסטער־לאקאל. און, צוריק גערעדט, אפשאפען דעם לאקאל פאטריאטיזם וואלט אפשר געבראכט מעהר שאדען ווי נוצען, און א קליינער לאקאל וואלט ניט געהאט די מעגליכקייט צו פארטיידיגען זיינע אינטערעסען. דאס וואלט געשאפען מעהר צווייסטיגקייטען, רייסערייען, קנאה און שנאה אין שאפ צווישען די מעמבערס פון איין און דעם זעלבען דזשאינט באארד, וואס טראגען אלע גלייך די לאסט פון אויפהאלטען די יוניאן, און אזעלכע צווייסטיגקייטען צווישען ארבייטער און ארבייטער זיינען ניט געזונט פאר דער יוניאן אלס גאנצע.

די ריידעריי וועגען „דעמאקראטיע" איז ניט מעהר ווי אן אויסרייד פון די לינקע אוואנטוריסטען. זיי האבען דאס אבזיכטליך געמאכט פאר אן אישו, ווייל זיי רעכענען זיך ניט מיט די אינטערעסען פון די ארבייטער, נאר מיט די אינטערעסען פון זייער איינגענער פארטיי, אויפ'ן רעכענונג פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

דאן איז די פראגע, וואס זאל געטאן ווערען מיט די איטאליענישע לאקאלען, וואו עס באלאנגען ארבייטער פון אלע

(שלוס אויף זייט 10)

פרעזידענט זיגמאן שיקט א ספעציעלען באריכט צו דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן

דאנקט די א. פ. אוו ל. פאר דער גרויסער ברידערליכער הילף אין׳ם קאמף קעגען קאמוניסטישע שטערער און ברעכער.

א הארציגע באגריסונג האט פרעזידענט זיגמאן צוגעשיקט צו דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן אין לאס אנדזשעלעס; א באגריסונג וואס האט ווי אן עכא אפגעקלונגען אין דעם גאנצען האל וואו די קאנווענשאן איז אפגעהאלטען געווארען, און האט געמאכט אויף די דעלעגאטען דעם געהעריגען איינדרוק. מיר וועלען איבערגעבען די באגריסונג, ווארט ביי ווארט, ווי ברודער זיגמאן האט דאס צוגעשיקט צו דער קאנווענשאן:

„פרעזידענט וויליאם גרין און מעמבערס פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל, און דעלעגאטען פון דער 47טער יעהרליכער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, זייט געגריסט!

„עס פארדריסט מיך זעהר פיל וואס איך קאן פערזענליך ניט באגריסען די 47טע יעהרליכע קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.. געוויסע אומשטענדען און געשעפטס ענינים וואס האבען א שייכות מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן מאכט פאר מיר אונמעגליך צו קומען פערזענליך און באגריסען די פריינד פון אונזער גרויסער ארגאניזאציע, וועלכע זיינען דא פארזאמעלט.

„ביי דיזער קאנווענשאן איז די פאסענדסטע געלעגענהייט פאר אונזער אינטערנעשאנאל אויסצודריקען אונזער גרויסען דאנק און גרויסע שעצונג צו פרעזידענט גרין, דעם עקזעקוטיוו קאונסיל אין אנדערע אפיסערס, פאר די פינקטליכע, שנעלע און גרויסמוטיגע שטיצע וואס איז געגעבען געווארען צו אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן אין דער שטונדע ווען מיר זיינען באפאלען געווארען פון א באטריגערישען, גיפטיגען פיינט, פארשטעלט אונטער א מאסקע פון אידעאליזם און הומאניטעט.

„אונזער אינטערנעשאנאל גיט אויך א גרויסען דאנק צו די פיהרער און באאמטע פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, וועלכע זיינען מיט אונז געשטאנען אין קאמף, ביז מען איז פטור געווארען פון דעם שונא און יעדער שפור, יעדער סליעד פון צושטערונג און פארניכטונג איז אפגעווישט געווארען.

„מיט איינינע יאהרען צוריק, האט דער מאסקווער רויטער טרייד יוניאן אינטערנעציאנאל איינגעזעהן, אז די נאדעל־טרייד־יוניאנס זיינען פאר זיי א פרוכטבארער באדען אויף וועלכען מען קען זיך באזעצען און פראקטיצירען זייער אזוי גערופענעם „רעוואלוציאנערע פראגראם". זייערע לאזונגען זיינען גוט באקאנט צו אייך אלעמען. דורך זייערע לאזונגען האבען זיי געזוכט צו פארכאפען די יוניאנס, א טאקטיק וואס האט געשטימט מיט זייער פראגראם, און אויסנוצען די יוניאנס פאר א געצייג אין די הענט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון דיזען לאנד.

„אין איינשטימיגקייט מיט זייער פראגראם, איז זייער טאקטיק געווען ארונטערצורייסען יעדען פיהרער, באשמוצען אין אלגעמיין די פיהרערשאפט, די פרינציפען און פאליסים פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג און האבען גענומען א געגנערישע שטעלונג צו יעדען פארזוך צו פארבעסערען די עקאנאמישע אומשטענדען פון די ארבייטער. זיי האבען יעדען פארזוך אויף דעם געביט פון פארבעסערען די ארבייטער קאנדישאנס געקרוינט מיט'ן נאמען „בורזשואזיע און אימפעריאליסטישע טאקטיק".

„אונזער אינדוסטריע האט דעם אומגליק צו זיין א סיזאן אינדוסטריע און מאכט דורך פעריאדען פון סלעק. און די סלעק פעריאדע האט זיי געגעבען די געלעגענהייט צו צומישען די מוחות פון די ארבייטער, אויפצובראזיען אומצופרידענהייט און טומעל איבער די עקזיסטירענדע באדינגונגען. און די שולד פון די נאטירליכע סלעק באדינגונגען האבען זיי געווארפען אויף דער טרייד־יוניאן פיהרערשאפט. ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז ס'איז פאראן אין א יוניאן א געוויסע אומצופרידענהייט. אבער דאס איז א מין אומצופרידענהייט, וואס טרייבט צו פראגרעס, וואס מאכט די טרייד יוניאנס צו געהן פאראווערטס און פאראווערטס אין דעם מארש פון דער ארבייטער זאך פאר די פארבעסערונגען פון די ארבייטער, אבער ניט אזא אומצופרידענהייט ווי די חברה האבען באשאפען כדי זייער קאמוניסטישע פארטיי זאל קריגען קאנטראל איבער די יוניאנס און אויסנוצען די יוניאנס אלס א געצייג פאר זייערע פאליטישע אמביציעס און צוועקען.

„זיי האבען אויפגערייצט די מיטגלידער דורך פאלשע אישום, ווי למשל: דעמאקראטיע, פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט, אמאלגאמיישאן א. אז. וו. אישום אין וועלכע זיי אליין האבען ניט געגלויבט. צו דעם האבען זיי ווי פאליטישענס אין א קאמפיין געמאכט ווילדע, אונדורכפירבארע צוזאגען. דאס האט געמאכט דעם איינדרוק אויף א טייל פון די אינטערנעשאנאל מיטגלידער, אז זיי וועלען פשוט אויסגעלייזט ווערען פון אלע וועלט־צרות, ווען נאר די חברה וועט קריגען די מאכט.

„דורך אזא פארפיהרערשאפט און גענארעריי האבען זיי זיך ארייננעכאפט אין דער דזשאינט באארד און האבען געקראגען קאנטראל איבער איינינע ניו יארקער לאקאלען פון אונזער אינטערנעשאנאל און האבען אנגעהויבען פיהרען די גרענדע. אין דער צייט וואס זיי האבען געהאט די מאכט אין געוויסע לאקאלען און אין דער דזשאינט באארד, האבען זיי ניט אויפגעגעבען זייער טאקטיק פון צו שמוצען און פארפיהרען די מיטגלידערשאפט מיט פארשיידענע אונדורכפיהרבארע אישום. זיי האבען דערקלערט אן אומנויטיגען סטרייק און אין זייער אייגענעם דערקלערטען סטרייק האבען זיי זיך ארויסגעוויזען פאר אומפעהיג, שווינדלעריש. זייער אומפעהיגקייט אין דער טרייד־יוניאן ארבייט האט זיך ארויסגעוויזען אויף שריט און טריט. זיי האבען קיין ביסעל ערנסטקייט ניט ארויסגעוויזען צו באשיצען די ארבייטער אינטערעסען.

„די דעלעגאטען פונ׳ם קאנווענשאן זיינען זיכער באקאנט מיט דער קאמוניסטישער אוואנטורע. זיי האבען זיכער געהערט פון די רעזולטאטען פון דעם אומגליקליכען גענעראל סטרייק אין 1926. א סטרייק וואס איז ארויסגערופען געווארען אין געגענזאץ צו דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס האט געראטען דעם סטרייק ניט ארויסצורופען.

„נאכדעם ווי זיי האבען ארייננעווארפען 35 טויזענט קלאוקמאכער אין א כאאטישען פארפיהרערישען סטרייק פאר 26 וואכען צייט, האבען זיי די קלאוקמאכער דערקענט. די ארבייטער האבען דערזעהן דאס די חברה איז אויסען געווען ניט זייער טובה, נאר די טובה פון זייער פאליטישער פארטיי און די רענק און פייל מיטגלידערשאפט האבען זיי ווי מיט א בעזים אויסגעקערט פון דער יוניאן. און די גאנצע קאמוניסטישע פאליטישע חברה זיינען איצט אויסער די רייהען פון דער יוניאן.

„ביי דער איצטיגער געלעגענהייט ווילען מיר אייך טאקע איבערראשען מיט די נייעס, אז די חברה האבען מעהר אין אונזער יוניאן קיין נאכפאלגערשאפט. זיי זיינען געוואלדיג דיסקרעדיטירט אין די אויגען פון די אינטערנעשאנאל מיטגלידער. פון זייערע אגרימענטס מיט די מאנופעקטשורער אסאסיאיישאנס האט זיך אויסגעלאזט איין גרויסער נול. און אלע בילדינגס וועלכע זיי האבען פארכאפט און געהאלטען אין זייער באזיץ, זיינען איצט אונטער אונזער קאנטראל.

„עס זיינען, פארשטעהט זיך, געבליבען נאכוועהענישען פון זייערע צושטערונגען, אבער אפילו די נאכוועהענישען פארשווינדען גיכער ווי מען האט ערווארטעט און עס ווערט שנעל אלץ צוריק איינגעפונדעוועט. זיי האבען אונז געלאזט א ירושה פון מאסען נימ־יוניאן שעפער, און מיר פארוואנדלען די נימ־יוניאן שעפער אין יוניאן שעפער. זיי האבען צישטערט דעם אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד און סאבאטאזשעוועט דעם פראטעקשאנ לייבעל. נאר דורך אן אינטענסיווען ארגאניזאציאנס קאמפיין פארניכטען מיר די סקעב שעפער און מיר בילדען ווידער אויף גראדעוויז אלץ וואס זיי האבען א תל און חרוב געמכט.

„ווי אזוי די קאמוניסטען זיינען דערשלאגען און הילפלאז פון זייער מפלה, וואס זיי האבען געכאפט די לעצטע צייט אין אונזער יוניאן, קאן מען זעהן פון דעם פאקט וואס ביי דער קאנווענשאן פון דער וואירקערס פארטיי האבען זיי באשלאסען צו באנייען זייער אנגריף געגען דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן און דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. זיי האבען אראנזשירט א גרויסען מיטינג פאר דעם צוועק און זיי האבען דעם מיטינג פאר א פאר וואכען צייט אויסערגעוועהנליך שווינדלעריש אדווערטייזט, און דער סוף איז געווען אז זיי האבען פון פארשידענע פלעצער פון ניו דזשוירזי, קאנעקטיקוט און אז. וו.. און פארשידענע מענשען און אלע פארטיי מעמבערס האבען זיי מעהרער ווי א פאר טויזענט מעמבערס ניט געקאנט צוזאמענקלייבען.

„פון זייער אדווערטייזמענט אין זייער אייגענער פרעסע, אז זיי געהען פון דעם אראנזשירטען גרויסען מיטינג אנהויבען די געוואגטע אפענסיווע, האבען זיי זיך אויף דעם מיטינג גופא באגנוגענט בלויז מיט אויסשנארען א פאר דאלאר פאר דעם צוועק כדי אויסצוהאלטען די דיסקרעדיטירטע, ארויסגעווארפענע פיהרערשאפט און צו קאנען דינגען גארילאס און פראפעסיאנעלע שלעגער צו בפאלען איינינע טרייע, איבערגעבענע מיטגלידער ווען זיי געהען צו אדער פון דער ארבייט. נאר אפילו די שנארער ביזנעס זייערע האט זיך אויף דעם גרויסען אדווערטייזטען מיטינג אויסגעלאזען א דורכפאל.

„דער צוזמענברוך און מפלה פון דער קאמוניסטישער געזינדעל אין אונזער אינטערנעשאנאל איז אזוי גרויס, אז דאס ווערט כמעט באשטעטיגט פון זייערע אייגענע פיהרער. אין א רעפארט צו דער קאמוניסטישער פארטיי קאנווענשאן האט דזש. לאווסטאן, דער טשיף פון דער פארטיי, אפען צוגעגעבען די מיסטייקס וואס האט געבראכט צו זייער פארצווייפעלטער מפלה.

„מיר נוצען אויך אוים איצט די געלעגענהייט צו פארזיכערען די פארזאמעלטע דעלעגאטען, אז די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן איז אויך ערפאלגרייך איינצושטעלען און ברענגען די לאקאלען צו דעם פריהערדיגען צושטאנד אין ניו יארק און איבעראל וואו נאר א פלאץ וואס האט געליטען פון דער קאמוניסטישער מגפה און זיינען געווען אנגעשטעקט פון דער קאמוניסטישער קראנקהייט. די שטארק פעסטע טרייד־יוניאן פרינציפען ווערען ווידער פראקטיצירט אין יעדער אפטיילונג פון דער אינטערנעשאנאל און מיר שעצען געוואלדיג הויך די ברידערליכע הילף וואס די א. פ. אוו ל. האט אונז געגעבען און די ראלע וואס זי האט געשפילט אין אונזער קאמף קעגען א דיקטאטור פון א קאמוניסטישער פארטיי. די טויזענטער ארבייטער און זייערע פאמיליען וועלען מעהר ניט זיין אונטערווארפען צו א פאליטישער קליקע וואס ווערט דיקטירט פון מאסקווע. יא, מיר ווידערהאלען: די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט געשפילט א גרויסע ראלע אין אונזער קאמף און מיר וועלען דאס קיינמאל ניט פארגעסען, און עס וועט אימער געשעצט ווערען פון דער רענק און פייל און די אפישעלס פון אונזער אינטערנעשאנאל. מיר האפען, אז די א. פ. אוו ל. וועט פארטזעצען איהר הילף אין דער צוקונפט פונקט ווי אין דער פארגאנגענהייט.

„מיט ברידערליכען גרוס, און מיט אן ערנסטען וואונש צו זיין ערפאלגרייך אין אלע באשלוסען,

אינטערנעשאנאל לײדיס
גארמענט וואירקערס יוניאן,
מאריס זיגמאן, פרעזידענט."

וואס הערט זיך ביי די דרעסמייקערס?

פון דזש. שפילמאן, סעקר.־טרעזשורער.

אונזערע סעקשאן מיטינגען, וועלכע מיר האבען געהאט (דאנערשטאג) אוונט, וועלען האבען צו באטראכטען אן אינטערעסאנטען פינאנציעלען באריכט פון לאקאל 22 פאר די לעצטע 9 מאנאטען. דער באריכט איז אויסגעשטעלט געווארען אין אזא פארמע, אז ניט נאר זאל עס זיין פארשטענדליך פאר בוקקיפערס און אקאונטענטס, נאר אז דער געוויינליכער שאפ ארבייטער זאל עס קאנען גרינדליך פארשטעהן.

עס איז אונזער האפענונג און וואונש, אז די מיטגלידער וועלען זיך באציהען צו אונזער פינאנציעלען באריכט מיט דער זעלבער אויפמערקזאמקייט און אויפריכטיגקייט, ווי עס באציהט זיך דער דורכשניטליכער בעל הבית צו א באריכט פון די פארשיידענע אפטיילונגען פון זיין געשעפט. ווייל נאך אלעמען זיינען דאך די מעמבערס די בעלי בתים פון דער יוניאן, און אלס באסעס מוזען זיי וויסען ווי אזוי ס׳געהט צו זייער געשעפט: פירט זיך עס מיט א סיסטעם, מיט א רעכענונג, ווערען די געלדער עקאנאמיש פארוואלטעט? דאס איז זעהר א וויכטיגער ענין.

מיט דעם בריף, וועלכער איז ארוים געשיקט געווארען צו די מעמבערס פאר די היינטיגע סעקשאן מיטינגען, איז אויך ארוים א „שטרייך נאטיס". ווי עס איז שוין אנגעדייטעט געווארען אין אונזער לעצטען באריכט, ווערען די פון אונזערע מעמבערס, וועלכע האבען באקומען בלויע ביכלאך פון דעם 1טען יאנואר, 1927, און וועלכע האבען ניט באצאלט זייער דיום זייט דאן, אויטאמאטיש געשטראכען אלס מעמבערס פון לאקאל 22. עס וועט זיך געוויס שטעלען די פראגע צו א סך פון אונזערע מעמבערס, הלמאי כאפט מען זיך עפעס צו שטרייכען? איז טאקע לאקאל 22 איצט אין אזא לאגע, אז מען קען אפפארדען ארויסצוווארפען א היבש ביסל מעמבערס? און ווארום זאל מען ניט אפווארטען נאך א פאר מאנאט? איז אויף דעם דא א גוטער ענטפער, א גאנץ פראסטער טאקע, וועלכען אלע וועלען קענען לייכט פארשטעהן. אונזער לאקאל איז פארבונדען מיט דעם דזשאינט באארד און מיט דער אינטערנעשאנאל. די מעהרסטע פון די אויסגאבען פון די ביידע קערפערשאפטען ווערען צוגעווארפען אויף די לאקאלס לויט דער פראפארציע פון זייער מעמבערשיפ. נון, ווען לאקאל 22 זאל, צום ביישפיל, טראגען אויף איהרע ביכער 7,000 מעמבערס, מוז זי צאלען צו דער אינטערנעשאנאל און דער דזשאינט באארד פאר אזוי פיל מעמבערס. און אויב צווישען די 7000 זיינען דא 1,000 וועלכע זיינען שולדיג פאר איבער 9 מאנאטען (36 וואכען) דיום און א סך פון זיי וועלען פילייכט קיינמאל ניט צאלען, דערפאר ווייל זיי זיינען ארויס פון טרייד, אדער ארבייטען אין אפען שעפער, מיינט דאס, אז די אנדערע 6 טויזענט מוזען א חוץ זייער אייגענעם חלק אויך באצאלען פאר די טויזענט „טויטע" מעמבערס. טא, וואו איז דער יושר? אט דערפאר גיט ארטיקעל 10 פון דער קאנסטיטוציע פון אונזער אינטערנעשאנאל די פריווילעגיע צו יעדען לאקאל צו שטרייכען אלע מעמבערס, וועלכע זיינען ריקשטעהענדיג 9 מאנאטען. און דאס גייען מיר טאקע איצט טאן. בעסער געזאגט, מיר מוזען דאס טאן.

היינטיגען שבת, דעם 15טען אקטאבער, איז דער לעצטער איינצאהלונגס־טאג. מיר ראטען נאך אמאל די מעמבערס, זיי זאלען זיך ניט לאזען שטרייכען. צאלט איין ווי ווייניג איהר קאנט, אבער לאזט ניט גיין פארלארען אייערע רעכטע און פריווילעגיעס אלס אלטע מיטגלידער.

דער עדיטאריעל אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איבער דער טעמא: „א נייער לעבען אין דער דרעס אינדוסטריע" האט ביי אונז אלעמען א סך פרייד און ערמוטיגונג ארויסגערופען. מיר מיינען דא ניט דעם שעהנעם און פיליכט אויך ניט פארדינטען קאמפלימענט, וועלכען דער רעדאקטאר גיט אונז, ווען ער זאגט, אז „עס עקזיסטירט איצט אין דרעס־טרייד א גרויסע, בליהענדע יוניאן, אזא ווי דיזע אינדוסטריע האט שוין ניט געהאט פאר פילע יאהרען". ווען ער זאגט אבער, אז „די צייט פאר א גרויסען קאמפיין איז פאלקאם רייף", ווייזט עס אז די גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל אזוי גוט ווי די רעדאקציע פון „גערעכטיגקייט" האבען, נאך אן אויספארשונג, געקומען צום שלוס, מיט וועלכען זיי קומען אזוי דעמאנסטראטיוו ארוים.

מיט דעם געדאנק, אז עס מוז אונטערגענומען ווערען זעהר אן ערנסטער ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין דער דרעס אינדוסטריע און אויף אזא מאסשטאב ווי דאס איז געטאן געווארען אין די פריהערדיגע יאהרען, טראגען זיך שוין ארום די אקטיווע מעמבערס פון לאקאל 22 א לענגערע צייט.

אונזער ערפאהרונג פון דעם נאך־וואס פארענדיגטען קעמפיין פארשטארקט אונזער גלויבען אין דער ראטזאמקייט, נויטווענדיגקייט און הויפטזעכליך אין די מעגליכקייטען פון א ווירקזאמען דרייוו. די אפען שאפ מגפה האט שוין דערגרייכט אזא שטופע, אז אפילו די וועלכע האבען קיינמאל ניט געוואלט וויסען פון א יוניאן זוכען איצט איהר שוץ און הילף. „מיט טאקט און מיט א סימפאטישער פארשטענדניס פון דעם געדאנקען גאנג פון דיזע מאסען ניט יוניאן ארבייטער", ווי דער עדיטאריעל פון דער „גערעכטיגקייט" זעצט פאר, קענען מיר מיט דער צייט צוציהען די גרויסע צאהל ניט ארגאניזירטע דרעסמאכער". אט צו דעם געדאנק פון סטאביליזירען און פאלשטענדיג יוניאניזירען די דרעס אינדוסטריע מוזען זיין געווידמעט די פאראייניגטע קרעפטען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President; A. BAROFF, Sec'y-Treas.
MAX D. DANISH, Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 41. Friday October 14, 1927
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון אונזער לעבען און קאמף

דרייסיג יאהר „בונד".

היינטיגען חודש ווערט דרייסיג יאהר זינט עס איז געגרינדעט געווארען דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער „בונד" אין רוסלאנד, ליטע און פוילען. דאס זיינען געווען דרייסיג יאהר פון אפפער־ווילינער, העלדענהאפטער רעוואלוציאנע־רער טעטיגקייט פאר דער פאליטישער, עקאנאמישער און נאציאנאלער פריי־הייטס־באוועגונג פון די גרויסע אידישע ארבייטער מאסען אין אלטען רוסלאנד. דער יום טוב פון דיזער טעטיגקייט וועט ניט נאר געפייערט ווערען אין רוסלאנד און אין די לענדער וואס זיינען געגרינ־דעט געווארען אויפ'ן שטח פון אלטען רוסלאנד גלייך נאך דער מלחמה, נאר אויך איבעראל וואו עס געפינען זיך נאר אידישע ארבייטער מאסען.

די געשיכטע פון „בונד" איז ניט בלויז די געשיכטע פון דעם רעוואלוציא־נערען קאמף אין רוסלאנד. די לעצטע דרייסיג יאהר זיינען יאהרען פון אידישער מאסען עמיגראציע אין רוסלאנד און פון דער איבעריגער אלטער היים. דער צא־ריזם, די פאגראמען און די שלעכטע עקא־נאמישע אומשטענדען אין מזרח איירא־פא האבען געצוואונגען טויזענטער אידען צו עמיגרירען קיין אמעריקא און טיילוויז אין אנדערע מקומות. אין די דאזיגע לענדער האבען די גרויסע עמיגראנטען מאסען פאר זיך געשאפען נייע היימען, ארגאניזירט אן אייגענעם לעבען, געגרינ־דעם עקאנאמישע און פאליטישע ארגא־ניזאציעס און געשאפען אן ארבייטער־באוועגונג.

די ארבייטער באוועגונגען אין דיזע לענדער זיינען אבער ענג פארבונדען מיט'ן „בונד". אין „בונד" האבען זיי צום ערשטען מאל באקומען זייער קלא־סען באוואוסטזיין. דער „בונד" האט אין זיי דער ערשטער אנגעצונדען יענעם קאמפס־פייער, וועלכער באליכט עד היום זייער קאמפס־וועג אין דער נייער היים. מיט דעם „בונד" זיינען פארבונדען זייע־רע שעהנסטע פרייהייטס־חלומות, און עס איז דער „בונד", אין וועלכען זיי האבען געוועבט זייער אידעאליזם, פון וועלכען זיי ציהען נאך יניקה ביז צום היינטיגען טאג. דער יום־טוב פון בונדישען יובל וועט דעריבער אויך געפייערט ווערען אין אלע לענדער, וואו עס וואוינען אידישע ארבייטער, אלס דער יום טוב פון זייער מוטער־ארגאניזאציע, אלס א יום טוב פון רעוואלוציאנערען קאמף און אויך אלס א זיסע עראינערונג פון דער ליבער יוגענד.

אפשעצען ווי געהעריג די היסטארישע וויכטיגקייט פון „בונד" און זיינע קא־לאסאלע אויפטואונגען קען מען בלויז ווען מען פארגלייכט דעם היינטיגען פא־ליטישען, עקאנאמישען און קולטורעלען מצב מיט די באדינגונגען אין וועלכע עס האבען געלעבט די אידישע ארבייטער־מאסען אין רוסלאנד, ליטא און פוילען מיט דרייסיג יאהר צוריק ווען דער בונד איז געגרינדעט געווארען.

די לאגע פון די אידען און פון די אידישע ארבייטער בפרט צום סוף פון לעצטען יאהרהונדערט אין רוסלאנד איז אין יעדער באציהונג געווען א זעהר טרויעריגע. פאליטיש פארשקלאפט, עקא־נאמיש פאריאכט, נאציאנאל רעכטלאז און קולטורעל פארפינסטערט. די אידי־שע געזעלשאפטליכקייט פאר'יאוש'ט און פארצווייפעלט, איז געלעגען אין די הענט פון די כלי קודש. די איינציגע פאליטי־שע גרופעקלאך זיינען געווען די ציוניס־טישע חברות, וועלכע האבען פארשפרייט דעם לאזונג, אז אידען זיינען פרעמדע און געזעהן דעם איינציגען אויסגאנג פון דער שרעקליכער לאגע אין דער עמיגרא־ציע קיין פאלעסטינא. אין דיזע אומ־שטענדען איז אנטשטאנען דער „בונד". דער „בונד" האט גלייך פראקלאמירט דאס רעכט פון עקזיסטענץ פון די אידען אין רוסלאנד און זיי אנטקעגענגעשטעלט דעם לאזונג פון קאמף אויפ'ן ארט פאר פאליטישער, עקאנאמישער און נאציאנא־לער באפרייאונג. ער האט גערופען די אידישע ארבייטער צום קאמף און פאר דעם דאזיגען קאמף האט ער די אידישע ארבייטער מאסען ארויסגעצויגען פון די פינסטערע קעלערס. ער האט געוועקט די טויזענטער וועבער פון ביאליסטאק און לאדז, אויפגעשטורעמט די סיגארען אר־בייטער פון ווילנע, צוגעצויגען צו זיך די אידישע בערשטער און סטאליארעס, אר־גאניזירט די שניידער און קאמאשען־מאכער און צום לעבען געמונטערט אין יעדען אידישען ארבייטער ווינקעל. ער האט זיי ארגאניזירט אין יוניאנס און אנגעפיהרט דעם קאמף נעגען עקאנאמי־שער פארשקלאפונג. מיט דער זעלבער ענערגיע האט ער אונטער די שווערסטע אומשטענדען געפיהרט אן ענערגישע מסירות נפש'דיגע פאליטישע טעטיגקייט און גלייך געווארען דער אוואנגארד פון

(נאטיצען, באמערקונגען און באטראכטונגען)

פון פ. העלין

דער רוסישער רעוואלוציע, וועלכע האט ענדליך פון זיך אראפגעווארפען דעם יאך פון צאריזם. דער קאמף פאר נאציאנא־לער פרייהייט האט דער „בונד" מיט רעכט געפיהרט אין ענגען צוזאמענהאנג מיט זיין פאליטישער אקציע אונטער דעם לאזונג: אהן פאליטישער פרייהייט קען אויך ניט עקזיסטירען קיין נאציאנאלע פרייהייט! און האט דעם דאזיגען קאמף געפיהרט מיט אן אומערהערטער עקשנות. אן אויסערגעוועהנליכען פארדינסט האט דער „בונד" דורך זיין קאמף נעגען כור־לינאניזם און פאגראמען אויף די אידען אין רוסלאנד. ער האט געוועקט ביי די אידישע ארבייטער דאס נאציאנאלע בא־וואוסטזיין, אין זיי ערצויגען זעלבסט־ווירדע, זיי געוויזען דעם וועג צו זעלבסט־פארטיידיגונג און ארגאניזירט דעם בא־ריהמטען בונדישען זעלבסט־שוץ, וועלכער האט מיט זיין בלוט אזוי העלדענהאפט פארטיידיגט די אידען אין רוסלאנד גע־גען פאגראמען.

האלטענדיג אין איין האנט דעם קאמפס־שווערד נעגען צאריזם און אלע אנדערע אונטערדריקער, האט ער אין דער צווייטער האנט געהאלטען די פען און דאס בוך, און געטראגען ליכט אין די פינסטערע אידישע ארבייטער נעסטען פון דער אידישער געטא אין רוסלאנד. דער „בונד" האט דעם אידישען ארבייטער ניט בלויז געמאכט פאר א רעוואלוציאנערען קעמפער. נאר איהם ערצויגען אויך פאר א נוצליכען קולטור־מענש. און געטאן האט ער עס אונטער די שווערסטע אומ־שטענדען. דער „בונד" האט ניט בלויז געמוזט קעמפען נעגען דעם רוסישען צא־ריזם פאר די רעכט פון דער אידישער שפראך, נאר ער האט אויך געמוזט קעמ־פען נעגען די ציוניסטישע העברעער און נעגען דער אסימילאציע פאר דער קול־טור און שפראך פון די אידישע פאלקס־מאסען. ווען מען פארגלייכט דעם קול־טור־צושטאנד פון די אידישע ארבייטער און פון דער אידישער קולטור היינט־צו־טאג, ווען עס עקזיסטירען טויזענטער פאלקס־שולען, צעהנדליגער גימנאזיעס, לעהרער אנשטאלטען און וויסענשאפטלי־כע אינסטיטוציעס, א רייכע אידישע לי־טעראטור, א גרויסע אידישע פרעסע, צעהנדליגער אידישע טעאטערע, — ווען מען פארגלייכט דאס מיט דעם קולטור־צושטאנד פון די אידישע ארבייטער מיט דרייסיג יאהר צוריק, ווען עס איז ניט געווען קיין סימן פון א אידישער קולטור־לעבען און ווען די אידישע בורזשואזיע צוזאמען מיט דער ציוניסטישער אינטע־ליגענץ האבען זיך געוויצעלט וועגען דעם „זשארגאן", קען מען ערשט ווי געהעריג אפשאצען די גרויסע קולטורעלע באדיי־טונג פון „בונד" פאר דער אידישער פאלקס־קולטור.

גרויס זיינען די אויפטואונגען פון „בונד" אין משך פון זיין דרייסיג־יאה־ריגער עקזיסטענץ. פון א פאליטיש פארשקלאפטען מענשען האט ער דעם אידישען ארבייטער אומגעוואנדעלט אין אן אמת'ען פרייהייטס־קעמפער; פון אן עקאנאמיש פארשקלאפטען אביעקט האט ער איהם פארוואנדעלט אין א קלאסען־באוואוסטען קעמפער; פון א קולטורלא־זען, אפגעשטאנענעם מענשען האט ער איהם פארוואנדעלט אין א באוואוסטזיני־גען קולטורעלען פאקטאר אין אידישען לעבען, און פון א „באנציע שווייג" האט ער געשאפען א מאדערנעם פראלעטאריער מיט גרויסע פארלאנגען, וואס שטעלט דעם לעבען גרויסע פאדערונגען און וואס איז גרייט פאר זיי צו קעמפען מיט מוט און העלדענטום.

די אידישע ארבייטער אין אלע לענ־דער — די וואס קעמפען אין די רייהען פון „בונד" און די וואס האבען אין איהם זייער ערציהונג באקומען און זיינען איצט ווייט פון זיין דירעקטען קאמפס־פלאץ — וויסען ווי אפצושאצען געהעריג זיין קא־לאסאלע באדייטונג פאר דעם עמאנציפא־ציאנס־קאמף פון דעם אידישען ארביי־טער־קלאס. און איבעראל, — אין פוילען און אין רומעניען, אין ליטע און אין לאט־וויע, אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך, אין ענגלאנד און אין קאנאדע, און ספע־ציעל ביי אונז אין אמעריקע, וואו עס לעבען טויזענטער בונדיסטען, — וועלען די אידישע ארבייטער פייערען דעם יום־טוב פון זייער מוטער־פארטיי, אלס א יום טוב פון רעוואלוציאנערע עראינערונגען. אויף גרויסע פרייע מיטינגען וועלען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען הילכען די טענער פון דער בונדישער „שבועה" און טויזענטער בונדיסטען וועלען ווידער־שווערען טרייהייט צום „בונר". בלויז אין רוסלאנד, פאר וועלכער דער „בונד" האט אזוי פיל בלוט פארגאסען, וועט דער יום־טוב געפייערט ווערען אין די טורמעס פון דער קאמוניסטישער טשעקא, אין קאלטען סיביר און אויף „סכאדקעס" אין די וועלדער, ווי אין די אלטע גוטע צא־רישע צייטען.

„מיר מוזען האבען אייגענע ארבייטער דזשאדזשעס."

אויף דער קאנווענשאן פון דער אמע־ריקען פעדערייששאן אוו לייבאר האט דער יוניאן לאיער פון שיקאגא, האף טאמסאן, אין זיין אטאקע נעגען די אינדזשאנק־שאנס, וואס פארווערען צו סטרייקען, אויסגערופען, אז „אינ'ם קאמף מיט אונ־זערע שונאים מוזען די ארבייטער האבען אייגענע ארבייטער דזשאדזשעס, ווייל די איצטיגע דזשאדזשעס זיינען דינער פון קאפיטאל, און אזוי לאנג ווי די ארביי־טער וועלען ניט ערוועהלען זייערע איי־גענע דזשאדזשעס וועלען מיר ניט פטור ווערען פון די אינדזשאנקשאנס". דיזע ווערטער זיינען פון די דעלעגאטען בא־גלייט געווארען מיט באגייסטערטע אפ־לאדיסמענטען.

דאס איז אן ערפרעהענדע ערשיינונג אינ'ם לעבען פון דער אמעריקען פעדע־רייששאן אוו לייבאר. עס איז א רעקא־מענדאציע זיך צו באנוצען מיט דעם שטימצעטעל אינ'ם קאמף נעגען קאפי־טאל. אמת, דאס איז בלויז אן אנהויב און פארלאנגט דערווייל בלויז צו נעברוי־כען דעם קאמפס־געוועהר פאר אייגענע ארבייטער דזשאדזשעס אליין, נאר קוים זאגט מען „אלעף" ווערט מען שוין ממילא אויך זאגען „בית". אזוי איז דאס אויך געווען אין ענגלאנד. אויך דארט האבען די ארבייטער א לאנגע צייט זיך נאכגע־שלעפט נאכ'ן ליבעראלען רייטוואגען, ביז זיי האבען זיך איבערצייגט, אז עס איז נויטווענדיג א זעלבסטשטענדיגע ארביי־טער פאליטיק, אפילו אינ'ם אינטערעס פון דעם ריינעם עקאנאמישען קאמף. און עס איז מערקווירדיג, דאס אויך אין ענגלאנד האבען די ארבייטער איינגעזעהן צום ערשטען מאל די נויטווענדיגקייט פון א זעלבסטשטענדיגער ארבייטער פאלי־טיק צוליב דער קלאסען יוסטיץ פון די קאפיטאליסטישע דזשאדזשעס. אין ענג־לאנד ווערען די דזשאדזשעס באשטימט פון דער רעגירונג, און אזוי ווי די רעגי־רונג איז א קאפיטאליסטישע שטעהען די ריכטער אויף דער זייט פון די קאפיטא־ליסטען נעגען די ארבייטער. אין צייטען פון סטרייקס האבען די דזשאדזשעס אין ענגלאנד זיך אלעמאל געשטעלט אויף דער זייט פון די קאפיטאליסטען, און דאס האט די ארבייטער אין ענגלאנד איבער־צייגט אין דער נויטווענדיגקייט פון א זעלבסטשטענדיגער פאליטיק, כדי צו גע־ווינען אן איינפלוס אויף דער רעגירונג אין דער באשטימונג פון דזשאדזשעס און אויך האבען א מעגליכקייט פאליטיש צו קעמפען נעגען דער קלאסען־יוסטיץ. מיר וויסען, אז עס איז נאך ווייט דערפון, אז די אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר זאל זיך שטעלען אויף דעם שטאנד־פונקט פון האף טאמפסאן און איהם פאר־ווירקליכען אין לעבען. עס איז אבער גוט וואס אט דער שטאנדפונקט האט ארויסגערופען אזא ווארימע צושטימונג פון די דעלעגאטען, וואס איז א סימן, אז זיי זיינען איינשטימיג מיט די אורזאכען פון די לעצטע אינדזשאנקשאנס; און אז מען איז איינשטימיג מיט די אורזאכען, וועט מען שוין אויך מוזען ציהען די נויטיגע קאנזעקווענצען.

די ארבייטער פון ניו יארק האבען אין דיזער באציהונג געמאכט א גוטע ער־פאהרונג מיט זייער ערשטען ארבייטער־דזשאדזש, מיט אונזער גענאסע פאנקין, וועלכער האט צו אלעמענס צופרידענהייט זיינע צעהן ריכטער־יאהרען טריי געדינט דעם פרינציפ פון אביעקטיווער גערעכ־טיגקייט. פאנקין שטעהט איצט ווידער אלס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי און פון אלע באוואוסטזיניגע אר־בייטער פון אונזער גרויסען ניו יארק, און מיר האבען די בעסטע געלעגענהייט ווידער צו דאקומענטירען אונזער צופרי־דענהייט מיט דעם אופן פון זיין אמט־פיהרונג. די סאציאליסטען און טרייד־יוניאניסטען פארלאנגען ניט, אז א דזשאדזש זאל אלעמאל האנדלען אין די אינטערעסען פון די ארבייטער, פונקט אזוי ווי זיי פראטעסטירען נעגען דער איינזייטיגער האנדלונג פון די קאפיטא־ליסטישע דזשאדזשעס אינ'ם אינטערעס פון די קאפיטאליסטען. וואס מיר ווילען איז אן אומפארטייאישע אויסטייטשונג פון געזעץ און אביעקטיווע גערעכטיגקייט. און אז פאנקין איז ניט געווען אן איינ־זייטיגער דזשאדזש, נאר אן אמת'ער אב־יעקטיווער אויסטייטשער פון רעכט און גערעכטיגקייט, איז דער בעסטער באוויז דערמיט וואס ער האט אין משך פון זיין ריכטערשאפט זיך פארשאפט רעספעקט און אנערקענונג ביי אלע שיכטען פון דער באפעלקערונג אהן אונטערשייד פון פאר־טיי און קלאסען־אנגעהעריגקייט, וועלכע אינדארסירען איצט זיין קאנדידאטור. פאר אונזער ארבייטער איז עס א גרויסע סאטיספאקציע וואס אנגעזעהענע בירגער־ליכע שיכטער; בירגער און לאיערס, ריכ־טער און אינטעליגענטען, די רעפובליקא־נישע פארטיי און די דעמאקראטישע „ניו יארק ווארלד", אנערקענען גענאסע פאנ־קין'ס אומפארטייאישע גערעכטיגקייט, וואס באווייזט די ריכטיגקייט פון אונזע־רע פרינציפען. עס בלייבט איצט בלויז איבער פאר אונז אקטיוו און ענערגיש צו ערפילען אונזער פליכט און מיט אלע מעגליכקייטען אונזער פענקינען ווידער־צו־ערוועהלען.

איהר קאנט עס האבען פאר'ן אלטען פרייז.

ווען די קאמוניסטען זיינען ארויס מיט זייער העצערישער פארלוימדונג גע־גען זיגמאנ'ען און אויסגעפונען, אז זיין „מאיאנטעק" אין אייאווא סטייט איז ווערט אזש הונדערט און פופציג טויזענט דאלאר, האט פרעזידענט זיגמאן אין „פארווערטס" זיי געמאכט אן עפענטלי־כען אנבאט, אז זיי קענען די הונדערט און פופציג טויזענט דאלארדיגע מציאה באקומען פאר גאנצע זעקס טויזענט דא־לאר, מיט דעם תנאי, אז זיי זאלען בא־צאהלען זיינע חובות, וואס ער איז שול־דיג פאר דער פארם. אין קורצען, ביים טרייעל נעגען די קאמוניסטישע האלד־אפניקעס, האט זיגמאן־דאס זעלבע ווי־דערהאלט, נאר נאך א סך קלארער: ער האט געזאגט, אז זיי קענען אפקויפען דעם מאיאנטעק, וואס זיי שאצען מיט פולער זיכערקייט אויף הונדערט פופציג טויזענט דאלאר, פאר זעקס טויזענט דאלאר און זיי זאלען באצאהלען די חובות, אדער פאר צוואנציג טויזענט דאלאר און ער וועט אליין אלע חובות באצאהלען. די קאמוניסטען האבען זיך אבער אויך איצט אפגעשאקעלט פון דער גרויסער מציאה און ווילען ניט אפקויפען הונדערט און פופציג טויזענט דאלאר פאר אן אכטעל פון פרייז. דערפאר זיינען זיי אבער ארויסגעקומען מיט א קעסטעלע אין זייער נאסען־פייפער און געמאכט דעם אנשטעל, אז זיגמאן האט אויפגעהויבען דעם פרייז פון 6 טויזענט דאלאר אויף 20 טויזענט, ווייסענדיג זעהר גוט וואס פאר א געמיי־נעם ליגען זיי זאגען. די קאמוניסטישע פארלוימדער קענען נאך אלץ באקומען די מציאה פאר דעם אנגעבאטענעם פרייז!

אונזער בילדונגס פראגראם

קומענדע וואך וועט אונזער עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט אנאנסירען אונזער פראגראם פאר דעם סיזאן פון 1927—1928.

דער פראגראם וועט, ווי געוועהנליך, אויסגעארבייט ווערען אויף אזא אופן, דאס עס זאל זיך אם בעסטען צופאסען צו די נויטען און באדערפנישען פון אונ־זערע ארבייטער און זייערע פאמיליעס און אויך צו די איצטיגע אומשטענדען אין אונזער יוניאן. מיר האפען, דאס אין פארלויף פון היינטיגען סיזאן וועלען מיר זיין ערפאלגרייך אין דורכפיהרען די פאר־שיידענע טעטיגקייטען, וועלכע מיר הא־בען אנגעפאנגען אין דער פארגאנגענהייט אבער וועלכע מיר האבען געמוזט, צוליב איין אורזאכע אדער א צווייטער, אויפ־געבען.

אן אינסטיטוציע, מעג עס זיין א ביל־דונגס־ אדער אירגענד וועלכע אנדערע אינסטיטוציע, אויב זי וויל זיין ערפאלג־רייך און האבען אן אמת'ע ווירקונג, מוז זי זיך קענען צופאסען צו נייע, געענ־דערטע אומשטענדען. ענדערונג איז דער סאמע וויכטיגסטער געזעץ פון לעבען, און איבערהויפט איז דאס אמת אין באצוג צו ארבייטער בילדונגס טעטיגקייטען, ווייל עס איז אן אנגענומענער פאקט, דאס ביל־דונג קען ניט באגרעניצט ווערען צו איין פארם, נאר מוז זיך אויסדריקען אין פאר־שידענע פארמען.

און אזוי ווי מיר האבען די עהרע צו זיין פיאנערען אויף דעם דאזיגען געביט, וועלען מיר פארטזעצען אונזער עקספע־רימענטאלע ארבייט אויך אין פארלויף פון היינטיגען סיזאן.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט װארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

דער דעמאגאגישער בלאף האט געמוזט פלאצען

די יעצטיגע סיטואציע אין שיקאגא און די שטעלונג פון די לינקעווארט־זאגער דערמאנט אונז אן יענעם גאליצי־שען אידען, וועמען עס איז אלס סאלדאט אין קריג עפעס ניט געפעלען געווארען די פיהרונג פון די קריגס־אפעראציעס; עפעס איז דא צופיל באוועגונג און מען געהט ניט גענוג פארווערטס. „וויסטו וואס", האט ער איינמאל א זאג געטאן צו זיינעם א קאמעראד, „לאמיר קויפען איינינע ביקסען און הארמאטען און לא־מיר פיהרען די מלחמה זעלבסטשטענדיג, פאר זיך". געוויס איז די דאזיגע אידעע געווען זעהר לעכערליך, אבער ניט פאר די לינקע און זייערע מיטלויפער. „מיר וועלען מאכען א יוניאן פאר זיך, אן איי־גענע, א רעוואלוציאנערע יוניאן. די ארמעע פון קלאוק און דרעס מאכער זיי־נען דאך מיט אונז. די גענגסטערס וועלען בלויז פארבלייבען מיט דעם אפיס און מיט דער פאליציי. זיי וועלען אלזא שוין ווי עס איז זיך זעלבסט געגענזייטיג אויפפרעסען און די אידעע פון איין מעכ־טיגער רעוואלוציאנערער יוניאן וועט זיך דערווייל פארשפרייטען און מאכען פארט־שריט, און אזוי וועלען מיר האבען וואס מיר ווילען".

ווען די לינקע וואלטען געהאט דעם מוט קלאר און פשוט פארצולעגען זייער שטעלונג פאר דער מעמבערשיפ פון אונ־זער ארגאניזאציע, וואלט עס אייגענטליך געהייסען אזוי: „ווילט איהר האבען א דעמאקראטישע, רעוואלוציאנערע יוניאן, וואס זאל אייך פיהרען אין קאמף געגען די באסעס פון זיג צו זיג, — דאן קומט אין אונזער קרעמעל. ווילט איהר אבער גערולט ווערען פון גענגסטערס, וועלכע זאלען אייך טעראריזירען אויף שריט און טריט, — דאן פארבלייבט מיט זיגמא־נען". אזעלכע פשוט'ע רייד וואלט גע־געבען דעם גאנצען קאמף אן אויסגע־האלטענע ליניע, אן אויסגעשפראכענע קלארע אישו. די „רעוואלוציאנער" גע־שטימטע מאסען, ד. ה. די „רענק און פייל" פון אונזער ארגאניזאציע, וואלט אריבערגעגאנגען אין דער „דעמאקראטי־שער" יוניאן און די אינטערנעשאנאל וואלט פארבליבען מיט די פאר „פאפי־רענע לאקאלען" פון ניו דזשוירזי און מיט א פאר צעהנדליג צוריקגעשטאנענע קלאוק מאכער.

די לינקע ווארט־זאגער האבען אבער מורא געהאט פון אזא קלארקייט. אפשר האבען זיי זיך געטראכט, אז די רענק און פייל פון דער אינטערנעשאנאל זיינען נאר ניט אזוי „רעוואלוציאנער" ווי מען דענקט און אפשר זיינען זיי נאר ניט אזעלכע נאראנים און וועלען זיך כאפען, אז פון דער „רעוואלוציאנערער יוניאן" זוכען אין אמת'ן די לינקע צו מאכען א קרעמעל פאר זיך. האט מען זיך בעסער גענומען צו א ביסעל דעמאגאגיע — דער בעסטער מיטעל ווען מען וויל פארבא־האלטען די אמת'ע צילען אין א קאמף. פון איין זייט האבען זיי געשריען: „מיר ווילען ניט קיין צוויי יוניאנס; מיר וועלען קיינמאל ניט גרינדען קיין דואל יוני־יאן, קיין אפאזיציע צו דער אינטערנע־שאנאל"; אבער פון דער אנדערער זייט האט מען פאקטיש די דאזיגע דואל יוניאן געבויט. די זעלבע מענשען, וועלכע הא־בען אנגעשטרענגט אלע זייערע כחות צו איבערדרייסען דעם לעצטען פאדים, וואס פארבינדט דעם איינצעלנעם מעמבער מיט דער אינטערנעשאנאל; די זעלבע מענשען, וואס האבען געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען אויפצושטעלען אן אפגרונ־ צווישען די לאקאלען אין שיקאגא און די צענטראלע קערפערשאפטען; די זעלבע מענשען, וועלכע זוכען אפצוטיילען איין גרופע ארבייטער פון דער אנדערער, זא־גאר ארויסשטעלענדיג קינסטליך איין גרופע ארבייטער מחוץ למחנה פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, דורך רו־פען זיי סקעבס און גענגסטערס, — אט די זעלבע מענשען האבען דאס פרעטענ־דירט אויסצולעטען די מיינונגס־פארשיי־דענהייטען און העלפען שאפען בלויז אן איינהייטליכע סאלידע ארגאניזאציע!

דער דאזיגער דעמאגאגישער בלאף האט געמוזט פלאצען. די קאמיטע פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דעם פראצעס פון אויפדעקען די דאזיגע דע־מאגאגיע בלויז א ביסעל פארשנעלערט. לאנג ארבייטען מיט בלאף וואלט מען ניט געקענט. די דאזיגע ארבייט ווערט אבער פונדעסטוועגען ווייטער פארטגע־זעצט, כאטש שוין ניט אזוי ערפאלגרייך. צוערשט ווארפט מען שטיינער, מיט וועל־כע מען צושטערט אויף א וואנדאלישען אופן די יעדע גרונדלאגע פון אן איינ־הייטליכער ארגאניזאציע — שטיינער, וועלכע פאלען מאנ־מאל אין קאפ פון ארבייטער, וועלכע האבען געבלוטעט פאר דעם געדאנק פון יוניאניזם; דאן בא־פעלט מען צוזאמען די שטיינער און מען

א שיקאגא'ער פיידזש

וויל מיט זיי בויען די איינהייטליכע סא־לידע יוניאן.

גלויבט דען ווירקליך אן אויפריכטיג דענקענדער מענש אין די רייהען פון די לינקע, אז אן ארבייטער, וועלכער האט דאס אומגליק צו ארבייטען אין איינעם פון די זעקס שעפער, וועלכע זיינען דורך דעם לינקען קריגס־שטאב גערופען גע־ווארען אין סטרייק און וועלכער ווערט גערופען סקעב בלויז דערפאר ווייל ער איז ניט אזוי „רעוואלוציאנער" אריענטירט, ווי זיי דענקען אז ער דארף זיין, — וועט קענען מארגען אדער איבערמארגען זיך סאלידאריש מיט זיי פאראייניגען? איז דאס מעגליך, אז מען פארשטעהט ניט אין די רייהען פון די לינקע, דאס ארבייטער, וועלכע זיינען שוין צעהנדליגער יאהרען מעמבערס פון דער ארגאניזאציע, קענען ניט דורך א באשלוס פון איין גרופע ווע־רען מיט איין מאל סקעבס אפילו דאן ווען די גרופע פיהלט זיך געהייליגט דורך איהר גערעכטער פראגראם? וואס עס ווערט ווירקליך דערגרייכט דורך אזא האנדלונג איז, אז די מכלומרשטע סקעבס ווערען אלעמאל גרעסער אין צאהל, דער־פיהלען שטארקער ווי פריהער די געפאהר פון דער „רעוואלוציאנערער באוועגונג". ווערען פארהארטעוועט און נאך מעהר אנטשלאסען און ווארפען זיך פון פארטיי־דיגונג צום אנגריף. און אויב די רעכטע אין דער שיקאגא'ר יוניאן וועלען זיך ענ־גער צוזאמענשליסען און ווירקליך איבער־געהן צו אן ענערגישען אנגריף, זאל נאר דעמאלס די „פרייהייט" ניט פארגלאצען צנועה'דיג די אויגען צום הימעל און וויי־נען אויף די אומשולדיגע ארבייטער.

די צוויי איטאליענער, וועלכע זיינען לעצטע וואך מיט מעסערס אין די הענט באפאלען די רעכטע „סקעבס", און אויף וועלכע עס איז איבערהויפט א צווייפעל צי זיי באלאנגען נאר צו א יוניאן, און וועלכע האבען באשטימט ניט געוואוסט אז זיי „קעמפען פאר א מעהר דעמאקראטישער יוניאן", — די דאזיגע איטאליענער און זייער גלייכען, וועלכע רעפרעזענטירען דאס די אקטיוויטעט פון די רעוואלוציאנערע מאסען ארום די שע־פער אויף מארקעט סטריט, וועלען ניט באטראכט ווערען פאר די פיאנערען פון א בעסערער יוניאן, נאר ווי געדונגענע שלעגער, אפילו דאן ווען דער „אידיש־רעוואלוציאנערער ארגאן" וועט זיי האל־טען פאר אומשולדיגע ארבייטער. 750 ארבייטער קענען זיך ניט לאזען טערא־ריזירען פון א פאר געדונגענע שלעגער. און אויב די רעזולטאטען פון אזא צוזא־מענשטויס וועלען זיין טרויעריגע, קען מען אבער מיט א ריינעם געוויסען „זיג־מאן'ס גענגסטערס" ניט פאראנטווארט־ליך מאכען דערפאר.

דער ענערגישער אפוועהר געגען דעם דאזיגען טעראר וועט אזוי לאנג אנהאל־טען ביז די לינקע סטראטעגיקער וועלען איינזעהן, אז יעדער ניי־גערופענער סטרייק באשאפט אלץ מעהר ענערגישע קעמפער געגען דעם „נייעם גלויבען" און איז נאך א לאפעטע ערד אויף דעם קבר פון דעם לינקען קרעמעל אין שיקאגא.

מיט ברידערליכען גרוס,

„א גענגסטער".

די „פרייהייט" סטרייקט אין שיקאגא

די שיקאגא'ער קלאוק און דרעסמאכער וועלען זיך מעהר ניט לאזען נארען פון די לינקע חברה.

פון מאריס ביאליס, מעמבער לאקאל 5.

מיט א 5—6 מאנאטען צוריק, ווען אין ניו יארק איז אנגעגאנגען דער פייט אין א גאנץ גרויסער מאס, בין איך און נאך א סך היגע קלאוק מאכער געווען, אזוי צו זאגען, אין א פאזל. די פראגע איז געווען: וואס טוט זיך דארטען? ווער שרייבט דעם אמת? לעזט מען די „פרייהייט", דערוויסט מען זיך, אז די קלאוק מאכער ווארפען די ארבייט אויף דעם רוף פון היימאנען מיט זיינע כאווירים, און אז מאסען ארבייטער, ממש אין די טויזענדער, דעמאנסטרירען, און ניט גלאט דעמאנסטרירען, ווי קאלטע אמעריקאנער ארבייטער, נאר טאקע פול מיט רעוואלוציאנערען גייסט, מיט פעפ!

האבען מיר אבער געלעזען די ניו יאר־קער נייעס אין „פארווערטס", האבען מיר דארט געפונען פונקט קאפויר, אז עס הויבט זיך גארנים אן מיט קיין סטרייקס און עס לאזט זיך גאר ניט אויס מיט דעמאנסטראציעס. עס איז גאר ניט, עס איז שא, שטיל — אלעס אר־בייט נארמאל, און פארטיג!

איך וויל זיך יעצט מודה זיין, אז איך האב געזינדיגט געגען „פארווערטס", ווייל ווען איך פלעג איבערלעזען די נייעס אין ביידע צייטונגען, פלעג איך קומען צום שלום: מילא, אז די „פרייהייט" שרייבט ניט דעם גאנצען אמת, דאס האב איך דאך אלעמאל געוואוסט, אבער איך פלעג מיר טראכטען, און טאקע אין דער שטיל איבערריידען מיט א פאר אנ־פארטייאישע פריינד, אז דער „פארווערטס" פארדעקט אויך א ביסעל דעם אמת פון דער סיטואציע. אויב די „פרייהייט" שרייבט, אז טויזענדער ארבייטער ווארפען די ארבייט, איז דאס טאקע א ליגען, אבער פיליכט א פאר הונדערט האבען יע געמוזט ארונטערגעהן, און דאס גליי־כען מיט די דעמאנסטראציעס.

אזוי ווי איהר זעהט, פלעגען מיר זיך דרייען א קאפ ווי אזוי דערוויסט מען זיך דעם אמת, ביז ענדליך האבען די שיקאגאער ארבייטער געקראגען די גע־לעגענהייט זיך אליין צו איבערצייגען ווער די „פרייהייט" איז, און אז איהר אבזיכט איז דורך ליגען און פאלשקייט אריינצוברענגען צווייטיגקייטען און ריי־סעריי'ען צווישען די ארבייטער. ווער ווייסט נאך בעסער ווי די היגע קלאוק און דרעס מאכער, אז דא איז גאר נימא קיין סמן פון קיין סטרייק און קיין גע־דעכעניש פון קיין דעמאנסטראציעס, און דאך שרייבט די „פרייהייט" טאג־טעג־ליך איינס און דאס זעלבע, אז עס קערט זיך וועלטען. דערפון קען מען דאך שוין שליסען, אז זי האט מיט א מאנאט זעקס צוריק געשריבען וועגען ניו יארק דעם זעלבען אמת ווי זי שרייבט יעצט וועגען שיקאגא.

די גאנצע זאך וואלט אפשר געווען אומוויכטיג, ווען ניט דער פאקט, אז דורך די געוואלדיגע ליגענס האט די „פרייהייט" צו ציהען אביסעל חיונה פאר דעם סקעב קלייזעל: דער געדאנק איז א פשוט'ער, אזוי ווי קיין מעמבערס, ווער עס זאל צאהלען דיוס, האט די קלייזעל ניט, און פעי דארף מען דאך נעמען, דערפאר דארף מען פויקען אי־בער'ן גאנצען לאנד, אז אין שיקאגא איז א סטרייק, כדי מען זאל האבען א אורזא־כע ארומצוגעהן קלאפען אין די טירען, אדער שנארען מיט פושקעס. דערפאר איז גאנץ וויכטיג, אז די שיקאגאער סי־טואציע זאל קלאר געמאכט ווערען פאר אלע ארבייטער, אז זיי זאלען זיך ניט לאזען אפנארען פון די חברה שארלא־טאנעס מיט קיין פייק סטרייקס!

* * *

יעצט איינינע באמערקונגען וועגען די קאנדיציאנען אין די שעפער: די לינקע באשולדיגען אונז, אז מיר האבען צוגעזאגט און שוין אויך געגעבען קאנ־צעסיעס צו די באלעבאטים. מילא, די גרויסע מאסן ארבייטער ווייסען, אז דאס איז א ליגען. עס וועט אבער ניט שא־דען צו פארלירען א פאר ווערטער ווע־גען דעם. אזוי ווי ראש השנה און יום כפור ארבייט מען ניט, האבען די בא־לעבאטים געוואלט אז די יוניאן זאל ער־לויבען צו ארבייטען די צוויי שבתים, וואס פאלען אויס פאר ראש השנה און פאר יום־כפור. לויט נאך אונזער אגרי־מענט טאר מען שבת ניט ארבייטען פאר קיין געלט ניט, סיידען מען ארבייט דורך דער פארלאפענער וואך צוויי אווער־טיימס, איז שבת יע ערלויבט צו אר־בייטען פאר סטרעיט טאים.

די יוניאן האט דעם פארלאנג גענומ־מען אין אמבאטראכט און האט זיך איינ־פארשטאנען מיט דער אסאסיאיישאן, אז מען וועט די צוויי שבתים ערלויבען צו ארבייטען מיט דעם באדינג, אז מען זאל באצאהלען טאים און א האלף. ווי די לינקע האבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, האבען זיי דערזעהן א געלעגענהייט ווי זיך איינצוקויפען ביי די באלעבאטים מיט דעם וואס זיי וועלען ערלויבען אר־בייטען די שבתים פאר סטרעיט טאים. און דער ערשטער פלאץ, וואו דער צדיק לעווין איז געגאנגען דורכפיהרען זיין „הייליגען" פלאן, איז געווען ביי קירש־באום. אויסגעקליבען האט ער דיזען פלאץ צוליב צוויי אורזאכען, ערשטענס, ווייל צו יענער צייט איז גראד קירש־באום ניט געווען אין שטאדט, און צוויי־טענס, ווייל דאן זיינען נאך א גרויסער טייל ארבייטער אין יענעם שאפ געווען לינק געשטימט. דערפאר האט זיך טא־קע צדיק לעווין אריינגעכאפט פרייטאג פארנאכט און אפגעמאכט מיט איינעם פון דער פירמע, אז ער ערלויבט צו אר־בייטען שבת פאר סטרעיט־טאים. עס האט זיך איהם אבער ניט איינגעגעבען,

(שלוס אויף זייט 11)

געהערט און געזעהן

בילדער און איינדריקע ארום אונזער יוניאן אין שיקאגא.

פארצייכענט פון אייב לעווין.

אראפ א שטיין פון הארצען.

עס איז דינער־טאים און ארום מאר־קעט, דזשעקסאן און וואן ביורען סטס, שטעהען זיי גרופען־ווייז. ארום איינער אזא גרופע שטעהט ער און רעדט. זיין פנים פול מיט קנייטשען, זיינע האר מעהר גרוי ווי שווארץ, און זיין פנים זאגט עדות, דאס ער האט שוין קענטיג גענוג צרות דורכגעמאכט. נאך זיינע רייד דערקענט מען אז ער איז פון די גאר אלטע קלאוק מאכער, אימער געווען א גוטער יוניאן מאן, אויסגעפאלגט אלע באשליסע פון דער יוניאן, געצאהלט זיין דיוס אין צייט — ביז עס זיינען אריין אין אמט אונזערע נייע „משיחים" מיט זייער נייער „תורה", וועלכע האבען צו־מישט די מוחות פון יעדען איינעם, אפ־גענארט מיט זייערע פארפירערישע לא־זונגען, צובראכען די דיסציפלין אין דער יוניאן, און אום צו געפינען חן ביי דער מאסע, פארזועהען אלע עולות פון מעמ־בערס געגען דער יוניאן, ניט געוועהן אזוי סטריקט מיט די דיוס צאהלונגען. און וועלכער איד גלייכט עס צו צאהלען דיוס צו א יוניאן? ביי דער ערשטער געלע־גענהייט טרייט מען זיך ארויסצודרעהען פון דעם. און אט אזוי ארום איז אונ־זער אלטער קלאוק מאכער געשטרויכעלט געווארען און האט פארנאכלעסיגט זיינע דיוס צאהלונגען אויף א זעקס מאנאטען, ביז עס איז געקומען דער לעצטער שריט פון דער „בראך־רעסיווער גרופע", און זיי האבען געגרינדעט א סקעב קרעמעל און געזוכט צו קריגען קאסטימער פאר איהר.

דאס האט שוין אונזער אלטער קלאוק מאכער ניט געקענט אויסהאלטען, און ער שטעהט יעצט אויפ'ן קארנער און טענה'ט בזה הלשון: „טאמער האט ביי מיר ער־געץ אין א ווינקעל פון הארצען געגליהט א פונק סימפאטיע פאר דער לינקע, הא־בען זיי דאס יעצט מיט זייער שריט פון דער „נייער קרעמעל" ביי מיר אויסגע־לאשען און מיט מיין גאנצער קראפט וועל איך יעצט ריידען צו יעדען איינעם, אז מען זאל וויכען פון זיי, ניט געבען זיי קיין געלט, ווייל זיי זיינען מיט דעם נאר אויסען אנצוהאלטען א קרעמעל פאר א פאר פון זייערע „באיעס", און אז אלע ווי איינער זאלען יעצט זעהן שטארקער מאכען די אינטערנעשאנעל יוניאן, אט די אלטע יוניאן, וועלכע האט אונז אי־מער באשיצט און וועט אויך אויף ווייטער זיין בכח דאס צו טאן".

אנערקענט זיין מיסטייק.

ביי א צווייטער גרופע, א צוזאמענ־מיש פון מענער און פרויען, יונגע און אלטע, ווערט גערעדט אין אלגעמיין פון דעם יעצטיגען שלעכטען סיזאן. ווער עס רעדט פון זיינע אייגענע צרות — קיין דזשאב איז נימא, ס'איז שוין באלד ווי־דער דער ערשטער, און רענט וועט מען מוזען געבען, און אז מען קריגט שוין א שטיקעל דזשאב, קען מען גארנישט פאר־דינען, מען ארבייט אפ א פאר טעג, און זיץ ווייטער אין דערהיים און ווארט אויף א קאל, און צו די אלע צרות האבען נאך „יענע" חברה פארדרייט דעם קאפ פון איינינע קלאוק מאכער מיט א „רעוואַ־לוציע" אין טרייד, אז זיגמאן און אלע אנדערע פיהרער אונזערע, וואס האבען געבויט אונזער יוניאן, וואס האבען זיך מקריב געווען פאר דער יוניאן, אז זיי טויגען ניט, און מען האט אונז פארגע־שטעלט נייע מענשען, פון וועלכע מיר האבען בעפאר אזוי ווייניג געהערט און וועלכע האבען גאר אין זינען געהאט א פאליטישע פארטיי, אין דער צייט וואס מען האט אונז געקארמעט מיט בלאפס.

אזוי שטעהט איינער פון די אפגע־נארטע און רעדט זיך אויס זיין הארץ; מען קען זעהן נאך איהם נאך, דאס ער איז אומשולדיגערהייט פארפיהרט געווא־רען (ער איז געווען אביסעל צייט לינק געשטימט). איך ווייס, „זיי" האבען גע־זאגט, דאס „זיי" האבען די יוניאן, אז נייינציג פראצענט קלאוק מאכער זיינען מיט „זיי". נו, האב איך זיי געגלויבט. צו זייערע מיטינגען פלעג איך קיינמאל ניט געהען. דאס וואס דער געוועזענער לינ־קער ביזנעס איידזשענט פלעגט מיר זא־גען, פלעג איך איהם גלויבען. ביז ניט לאנג צוריק, ווען איך בין צופעליג געווען ביי זייערען א מיטינג אין וועלס סטריט, און אה, מיין גאט! — איז דאס זייער מעמבערשיפ? וועמען האב איך דארט געטראפען? אפילו קיין צעהן פראצענט נים פון די קלאוק מאכער, אויסער א פאר צעהנדליג מיידלאך, איינינע בא־קאנטע, און פילע וועלכע זיינען מיר גאר אומבאקאנט. נו, קלער איך ביי זיך, אט דאס איז זייער יוניאן? און אט די וועלען דאס פראטעקטען אונזערע יוניאן קאנדישאנס? אה, זעהר שוואך! און א דיסאפאינטמענט בין איך אוועק אהיים

(שלוס אויף זייט 10)

פונקטען ביי דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן

פון ת. לאנג

נעווען איז דאס אין יענער צייט ווען די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז נעגאנגען בארג ארויף. די אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר האט געהאלטען אין וואקסען. פון יאהר צו יאהר האט זיך געמעלדעט א נייע צאהל צוגעקומענע מיטגלידער אין יוניאנס. זי איז נאך ניט געווען קיין אריינגעדרונגענער כח אינ'ם געזעלשאפטליכען לעבען פון לאנד, די אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר, אבער א כח וואס שפארט זיך, וואס זוכט פאר זיך אן ארט, וואס שטויסט אינסטיטוציעס און אומשטענדען מיט די עלענבויגענס, און אט־אט באזינגט זי וועמען, באצווינגט זי, און זי איז אנערקענט — מען מוז זיך מיט איהר רעכענען. אין יענער צייט האט זיך אויך דער אמעריקאנער ליבעראליזם געטראגען פון אונטען ארויף. און דאן איז געקומען צום אויסדרוק א שטרעבען איינצוצאמען די „טראסטס", מאכען טראסטס — אלץ ארומנעמענדע, ברייט אומפאסענדע, מאנאפאליזירענדע קארפארייש‍אנס — אונגעזעצליך. עס איז געשאפען געווארען דער „שערמאן אנטי טראסט לאא". די ארבייטער באוועגונג איז דערביי געווען אויף דער וואך ניט צו דערלאזען, אז אויך יוניאנס זאלען פאר טראסטס אנגענומען ווערען. מ'קען דאך, אז מ'וויל אזוי טייטשען. ארבייטער נעמען זיך צונויף אין א יוניאן, זוכען זיי „ארויפצוצווינגען" ארבייטס־באדינגונגען, לאזען זיי ניט צו ניט־יוניאן ארבייטער צו דער ארבייט, מאכען זיי א פרייז פאר זייער ארבייטס־קראפט און דעם פרייז מוזען אלע צאהלען — און דאס איז א „מאנאפאל", א „פארשווערונג", און „אונגעזעצליך". די אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר האט דעריבער געזוכט און געקראגען אן אויסטייטשונג, אז אויף ארבייט באצופט זיך ניט דער דאזיגער געזעץ, אז „ארבייטס־קראפט איז ניט קיין טויטע סחורה" — „לייבאר איז נאט עי קאמאדיטי". יוניאנס, אן אנזאמלונג פון ארבייטס־קראפטען קען מען דערפאר ניט רעכענען פאר טראסטס. דאס איז אבער איין מאל און א צווייטען מאל און א דריטען מאל געקומען אין יונייטעד סטייטס סופרים קאורט. דער סופרים קאורט האט דאס עטליכע מאל אויסגעטייטשט און יוניאנס זיינען יא ערקלערט געווארען פאר טראסטס. כעמיועל גאמפערס האט דאן גע'רעש'ט א וועלט. ארבייטס־קראפט טאר ניט אנגענומען ווערען פאר „סחורה" און יוניאנס טארען ניט און זאלען ניט אנגענומען ווערען פאר טראסטס. גאמפערס האט עס אויך אריינגעצווינגען אין די פרידענס־פארהאנדלונגען ביים אפשלוס פון דער מלחמה, ווען מען האט געזוכט איינצושטעלען א סדר פון די ארבייטער־פראבלעמען פון דער וועלט. דאן איז שוין געקומען צו אן אמענדמענט אין דעם געדאנק וואס די פראזע „ארבייטס קראפט איז ניט קיין טויטע סחורה" אנטהאלט. עס האט שוין געהייסען: „ארבייטס־קראפט איז ניט איינגאנצען א טויטע סחורה", איז ניט דורכאויס טויטע סחורה — „נאט מירעלי"... עס הייסט, אז פאר עפעס א סחורה קען מען דאס פארט אננעמען...

און אזוי איז דאס געגאנגען.

די אמעריקאנער אינדוסטריע איז דערווייל אריבער עטליכע שטאפלען פון דער רעוואלוציע, וואס נעהט תמיד אן אין דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד. די גאנצע אידעע פון קאנטראלירען אדער רעגולירען די טראסטס לויט דעם שערמאן אנטי־טראסט לאא האט זיך ארויסגעוויזען פאר ניט ווירקזאם. ניט צו רעדען פון דעם וואס אמת'ע מאנאפאליסטען, טראסט מאגנאטען, פינאנץ קעניגע זיינען דורך דעם געזעץ קיינמאל ניט ווי געהעריג באשטראפט געווארען, איז בכלל געווען אונמעגליך די טראסטס צו פארניכטען. די טראסטס האבען זיך אנטוויקעלט לויט די אייזערנע עקאנאמישע געזעצע, און האבען זיי אנגענומען אזא פארם אדער אן אנדער פארם — זיי זיינען געבליבען. דער געזעץ איז געבליבען א טויטער פסוק פון טויטע ווערטער. אבער ער איז ניט געבליבען טויט וואס איז שייך דעם באגריף וואס מ'קען אריינלעגען אין יוניאנס. און עס איז געקומען צו עטליכע דירעקטע טעזיסען, און יוניאנס זיינען פון העכסטען געריכט פון לאנד ערקלערט געווארען פאר טראסטס. יוניאן־טעטיגקייטען זיינען דורך דעם פאראליזירט געווארען. אויך די גרויסע אינדזשאנקשאן־מכה האט דורך דעמזעלבען געזעץ זיך צוואוואקסען און אזוי פארגיפטעט די בלוטען פון דער ארבייטער־באוועגונג.

האט מען שוין ביי די לעצטע עטליכע קאנווענשאנס פון דער אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר גענומען אויפשטעלען א טעאריע, און פון דער טעאריע איז געווארען א פאדערונג — דעם שערמאן אנטי טראסט לאא אפצושאפען.

די טעאריע פאר דעם האט זיך באדופען אויף גענויע אויספארשונגען פון דעם עקאנאמישען לעבען און פון דעם גאנצען סאציאלען קרעפטען־שפיל אין לאנד.

אויף דער איצטיגער קאנווענשאן אין לאס אנדזשעלעס איז די פראגע געקומען מיט איהר גאנצער שארפקייט. צום קרעדיט פון די פיהרער פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, מוז געזאגט ווערען, אז זיי רעווידירען כסדר זיך אליין, זיי רעווידירען זייערע לאזונגען, און די קאנווענשאן האט געמאכט א ברייטע און א טיפע רעוויזיע. איצט האט די אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר א קלארע פאליטישע פאדערונג — אפשאפען דעם שערמאן אנטי־טראסט לאא, און זי איז אין דעם פראצעס פון צוזאמענשטעלען אין געהעריגער ארדנונג די געדאנקען ... ענען רעגולאציע פון מאנאפאליען און אינדוסטריע און האנדעל בכלל סיי דורך דער רעגירונג און סיי דורך זעלבסטשטענדיגע אינדוסטריעלע קאמבינאציעס, מיט א פארטרעטונג פון אלע צדדים פון דער אינדוסטריע אין זיי.

וועגען דעם איז דא א סך צו ריידען, אבער פאר היינט וועל איך אוועקשטעלען א פונקט — מיט דער רעוויזיע פון דער גאנצער פראגע איז אפגעשלאסען געווארען אן אינטערעסאנטער קאפיטעל געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג; א קאפיטעל פון פארשען און שטודירען, און אויך בלאנדזשען, פון קעמפען און זיגען און אויך פאלען, און איבער דעם, פון א געטרייען, עהרליכען און טאפפערען ראנגלען זיך וואס טיפער אריינצוברענגען דעם כח פון דער ארבייטער באוועגונג אין גאנג פון דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד.

* * *

די קאנווענשאן אין לאס אנדזשעלעס האט זיך געעפענט אין מיטען פון א גרויסער סענזאציע אין א גרופע יוניאנס, וואס שטעלען צונויף א גרויסען טייל פון דער אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר, די בילדינג טרייד יוניאנס. זיי שטעלען מיט זיך פאר מעהר ווי א „גרויסען טייל". לויט זייער ארגאניזאציאנס־פעסטקייט זיינען זיי אויך דער שטארקסטער טייל. די בילדינג טרייד יוניאנס זיינען נאך היינט צו טאג דער פונדאמענט פון דער אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר.

די סענסאציע איז געווען — דער בילדינג טריידס דעפארטמענט פון דער א. פ. אוו ל. האט איינשטימיג באשלאסען, ניט מעהר צו האבען צו טאן מיט דער אינסטיטוציע אין דער בילדינג־אינדוסטריע וואס גלייכט אויס דזשורישדיקשאן־סכסוכים.

אזא אינסטיטוציע האט עקזיסטירט א רייהע יאהרען. זי איז געשאפען געווארען דורך א פרייוויליגער פארשטענדניש פון אלע צדדים אין די טריידס — די יוניאנס, די ארבייטס־געבער אסאסיאיישאנס און דער פארבאנד פון אינזשינערען און ארכיטעקטען.

אין די בילדינג טריידס שפרינגט ארויס א דזשורישדיקשאן סכסוך עפטער ווי אין אנדערע טריידס. שטענדיג זיך ענדערענדע מעטאדען ביים אויפשטעלען א געביידע ברענגען צו דעם. אין דער זעלבער צייט איז דאס אויפשטעלען א געביידע פונקט אזוי ווי אויפמאכען א גארמענט. דאס ווייס יעדערער. און דאך איז ניט צו ערווארטען, אז א בילדינג טרייד קאונסיל זאל ארבייטען, צום ביישפיל, אזוי ווי א דזשאינט באארד פון קלאוקמאכער. עס איז ניט נאר א פראגע פון געשיכטע און טראדיציע פון יעדער טרייד־ארגאניזאציע, נאר אויך א פראגע פון דער קאמפליצירטקייט פון דעם מעכאניזם פון יעדען טרייד גופא. און עס איז אויך א פראגע פון יעדער גרופע אונטערנעמער אין יעדען טרייד.

נו, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אינסטיטוציע, וואס האט ביז איצט געשליכטעט די דזשורישדיקשאן־סכסוכים, אדער איינגעטיילט די דזשורישדיקשאן פאר יעדען טרייד, האט ניט געקענט אנהאלטען קיין שלום אין די טריידס. אין א געוויסען זין האט די אינסטיטוציע געהאט דעם זעלבען גורל וואס יעדע פארמיטלונגס־קאמיטע. איין צד בלייבט אלע מאל געקריוודעט. פון די באשליסע פון דער אינסטיטוציע, וואס האט געטיילט „דזשורישדיקשאנס" אין די בילדינג־טריידס, האבען איין מאל זיך געפיהלט געקריוודעט די קארפענטערס, א צווייטען מאל די עלעקטריק ארבייטער, א דריטען מאל די שלאסער. פון קריוודעס האט זיך אנגעקליבען ביטערקייט אין כמעט יעדען טרייד פון דער בילדינג אינדוסטריע. ווידער אמאל קען דא געמאכט ווערען א פארגלייך מיט אנדערע פארמיטלונגס־אינסטיטוציעס. בקיצור, די יוניאנס ווילען מעהר ניט האבען די דרויסענדיגע פארמיטלונג; ווילען אליין אויספרובירען א מעטאדע פון פארמיטלונג.

דערווייל אבער, ביז וואס־ווען, קענען דאך ארויסשפרינגען שארפע צוויסטיגקייטען צווישען טריידס, און עס קענען קומען סטרייקס נאר דורך די קריגערייען צווישען די יוניאנס גופא, האט זיך די קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. געעפענט אונטער א פראגע־צייכען: וואס וועט זיין דער גורל פון די בילדינג־טריידס, — פארניכטענדע מלחמות צווישען די יוניאנס גופא?

די בעלי בתים זיינען געווארען נערוועז; די גאנצע ריעל עסטייט וועלט איז געווארען נערוועז; אזא קהל'שער מענש ווי סעמיועל אונטערמייער איז געווארען נערוועז — עס קומט אן טראבעל, גרויס טראבעל.

ניט נערוועז איז נאר געווארען וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל. א סטייטמענט פון איהם האט באהויגט אלע צוטרייסעלטע געמיטער.

עס איז אן ערנסטע פראגע, — האט ער ערקלערט, — אבער צושטורעמט דארף מען דערפון ניט ווערען.

גרין האט א מערקווירדיגען גלויבען אין דעם, וואס קען אויסגעדריקט ווערען אין פאלגענדע ווערטער:

ארבייטער זוכען געוועהנליך ניט קיין טראבעל; ארבייטער ווילען „מאכען א לעבען"; און ארבייטער האבען אין זיך דעם טיף־אנטוויקעלטען אלגעמיין־מענשליכען געפיהל, אז יעדערער דארף „מאכען א לעבען".

און בויענדיג אויף דעם, האט גרין דעם גלויבען, אז מ'קען יעדען דזשורישדיקשאן־סכסוך לייכט אויסגלייכען.

די פראגע פון די בילדינג־טריידס, וואס איז שייך צו זייערע דזשורישדיקשאן־מלחמות, באהערשט שוין ניט אלע קאנווענשאן־פארהאנדלונגען, ווי פרעס־באריכטען האבען פון אנהויב פאראויסגעזאגט און אלעמען געשראקען.

אנדערע קאנווענשאן־פונקטען וועל איך באריהרען אין נאטיצען נעקסטע וואך.

יוניטי ריי־יוניאן אבענד

שבת אווענט דעצעמבער 10, אין גרויסען טאנץ־זאל פון מאנהעטען אפערא הויז. — מוזיק פון פאול ווייטמאן'ס „פיקאדילי פלייערס".

טויזענטער יוניטי געסט און פריינט וועלען זיך אלע טרעפען ביי דעם צווייטען יעהרליכען יוניטי רי־יוניאן און וועלען צוזאמען פארברענגען א פרעהליכען אווענט. דער טאנץ וועט הייאהר פארקומען שבת אווענט, דעם 10טען דעצעמבער, אין דעם גראנדיעזען טאנץ־זאל פון מאנהעטען אפערא הויז, 34טע גאס און 8טע עוועניו.

מיר פארשטעהען, אז דער פלאץ איז ניט גרויס גענוג אריינצונעמען אלע, וואס ווילען קומען צו דער אונטערנעמונג און פארברענגען אן אווענט אין דעם עכטען יוניטי גייסט, און דערצו נאך טאנצען צו דער אומפארגלייכבארער מוזיק פון פאול ווייטמאן'ס באריהמטע „פיקאדילי פלייערס".

מיר האבען אבער דיזען פלאץ אויסגעקליבען צוליב זיין שעהנקייט, וועלכער וועט אונזערע מיטגלידער און פריינט דערמאנען אן די גליקליכע טעג וואס זיי האבען פארבראכט אין יוניטי הויז. און די יעניגע, נאטירליך, וועלכע וועלען זיין די ערשטע צו באשטעלען זייערע טיקעטס, וועלען זיין זיכער, אז זיי וועלען האבען דעם פארגעניגען בייצואווינען אונזער „רי־יוניאן".

אזוי ווי מיט דיזען אווענט באצוועקען מיר בלויז צו געבען אונזערע פילע געסט און פריינט א געלעגענהייט צו טרעפען זיך ווידער און פארברענגען אן אווענט צוזאמען, וועט דער קאסט פון א טיקעט באטרעפען בלויז 1 דאלאר, שוין איינשליסענדיג ווארדראוב. איהר קענט באקומען טיקעטס אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט, טשעלסי 2148.

פארגעסט ניט. רעזערווירט דעם אווענט פון שבת, דעם 10טען דעצעמבער, פאר אונזער יוניטי „רי־יוניאן".

טיקעטס פון „טעאטער גילד" צו רעדוצירטע פרייזען פאר אונזערע מיטגלידער

דער אפער פון „טעאטער גילד", וועלכער גיט אונזערע מיטגלידער די אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו זעהן זייערע בעסטע אויפפיהרונגען היינטיגען סיזאן צו רעדוצירטע פרייזען, איז נאך אלץ גוט. אין דער פארגאנגענהייט האט די „גילד" אויפגעפיהרט איינינע פיעסען וועלכע זיינען געווען פון באזונדערער אינטערעס פאר אונזערע מיטגלידער, און פאר ארבייטער בכלל.

א גרויסע צאהל פון אונזערע מיטגלידער האבען זיך שוין באנוצט מיט דיזען ספעציעלען אפער, און מיר ראטען די יעניגע, וועלכע ווילען ווערען סובסקרייבער, ניט דורכצולאזען די געלעגענהייט, און עס טאן אזוי שנעל ווי מעגליך. דאס וועט זיי געבען א געלעגענהייט אויסצוקלייבען דעם אווענד וואס איז פאר זיי אם באקוועמסטען.

די ספעציעלע סובסקריבשאן בלאנקען קענען באקומען ווערען אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, און מיר וועלען אייך מיט צופרידענהייט העלפען עס אויספילען. עס פרעהט אונז זעהר, וואס אזויפיל פון אונזערע מיטגלידער לאזען ניט דורך די געלעגענהייט צו זעהן איינינע פון די בעסטע דראמעס וואס ווערען אויפגעפיהרט אין ניו יארק.

וואס זיי האבען אונז געגעבען אין פארלויף פון די שטורעם און דראנג מאנאטען פון דער ניט לאנגער פארגאנגענהייט, שפיגלען אפ אין זיך, אהן צווייפעל, די געפיהלען און דעם געדאנקען־גאנג פון אונזער גאנצער לאיאלער מיטגלידערשאפט.

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג האט זיכער פארדינט דיזע דאנקזאגונג, פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון די גרויסע ארבייטער מאסען וואס זי פארטרעט, פאר דעם לויבענסווערטען אנטייל וואס זי האט גענומען אין רעטען אונזער יוניאן פון די לאפעס פון דער קאמוניסטישער פאליטישער קליקע. די צייטמעסיגע און ברייטהארציגע הילף וואס די פיהרער פון דער פעדערייש‍אן האבען אונז געגעבען, ווען מיר האבען אנגעפיהרט אונזער פארטיידיגונגס קאמפיין כדי צו פארזיכערען דאס לעבען פון אונזער ארגאניזאציע, האט זיכער פיל מיטגעהאלפען, ווי איינע פון די רעזאלוציעס זאגט, „צו געווינען דעם קאמף געגען דעם צושטערענדען קאמוניסטישען עלעמענט אין אונזער יוניאן, און אויך, אפצוהאלטען די פארשפרייטונג פון זיין פארניכטענדער פראפאגאנדע אין די רייהען פון דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג."

* * *

דאס איז אבער נאך ווייט ניט דער איינציגער געווינס וואס דיזע ווארימע און פריינדליכע הילף האט פאר אונז געשאפען. די ברידערליכע האנט, וואס די אלגעמיינע באוועגונג האט אונז אויסגעשטרעקט אין אונזער עת־צרה, האט ניט נאר אונז געהאלפען ראטעווען אונזער יוניאן, נאר עס האט אויך געבראכט די ארבייטער פון אונזער ארגאניזאציע פיל נעהענטער צו דער גרויסער אמעריקאנער באוועגונג ווי ווען עס איז פריהער אין אונזער געשיכטע. דיזע הילף האט געצייגט אונזערע מיטגלידער אויף א בולט'ן און אומבאשטרייטבארען אופן, אז די אמעריקאנער ארבייטער יוניאנס און זייערע פיהרער זיינען באמת פאראינטערעסירט מיט אונזער ארגאניזאציע, מיט אונזערע ארבייטס באדינגונגען, מיט אונזער געגענווארט, און מיט אונזער צוקונפט, און זיינען בארייט צו העלפען אונז מיט וואס זיי קענען, אז מיר זאלען בלייבען ארגאניזירט אין א שטארקער, ווירקזאמער טרייד יוניאן.

אט דיזען געווינס וועלען אונזערע ארבייטער ניט פארגעסען אזוי לאנג ווי זייער ארגאניזאציע וועט לעבען און געדייען. זיי קענען אם בעסטען אויסדריקען זייער דאנקבארקייט צו דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג פאר איהר טיפען און ברידערליכען אינטערעס דערמיט, וואס זיי וועלען אליין פארבלייבען טריי און איבערגעבען צו די פרינציפען אויף וועלכע די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג איז אויפגעבויט, און צו די שעהנע און נאבעלע קאמפס־טראדיציעס וואס באלייכטען איהר געשיכטע. די ארבייטער באוועגונג ערווארטעט פון אונז ניט מעהר; זי ערווארטעט אבער אויך ניט ווייניגער.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union

Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — A. BAROFF, Sec'y-Treas.

MAX D. DANISH, Editor

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IX. No. 41. — New York, Friday October 14, 1927

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אן אלטער וואלף אין א נייעם פעלץ

לעצטע וואך האבען קאמוניסטישע שמשים ווידער געטיילט אין דעם קלאוק און דרעס דיסטריקט א שפאגעל-נייעם, ליגנערישען הענדביל, אויף וועלכען זיי האבען ארויפגעשטעלט אלס א קעפעל דעם אלטען נאמען פון אן אמאליגער קלאוקמאכער צייטונג, „די נייע פאסט". מיר וואלטען דיזען בלאטיגען ליפלעט געשענקט פונקט אזוי ווייניג אויפמערקזאמקייט ווי מיר האבען געשענקט אנדערע קאמוניסטישע פאסקווילען אין דער פארגאנגענהייט. מיר פארצייכענען עס, אבער, דערפאר ווייל, אבוואהל דיזער הענדביל פארמאגט אלע מעלות וואס יעדער דורכשניטליכער קאמוניסטישער פאסקוויל פארמאגט, דאס הייסט, אז ער איז ארויסגעגעבען געווארען פון א כלומרש'דיגער „קאמיטע פון פופציג", און איז פארמאסקירט אלס אן „אפיל פאר איינינגקייט", וואס באווייזט שוין קלאר, אז זיינע פארפאסער באלאנגען צו דעם געזינדעל, וועמען די קלאוקמאכער און די דרעסמאכער האבען דא ניט לאנג אהן שום צערעמאניעס ארויסגעטריבען פון זייער יוניאן — פונדעסטוועגען, שיינט עס אונז, לויט דעם אינהאלט פון דיזען „דאקומענט", אז די „כאווירים" האבען זיך פארנומען איצט אויף א נייער ליניע ווי אזוי צו אטאקירען אונזער יוניאן.

פון דעם נייעם פאסקוויל זייערען קען מען זעהן, אז די קאמוניסטישע געזינדעל און איהר הייפעלע לייטענאנטען, נאכדעם ווי מיר האבען זיי צוגעשפארט צום וואנט, איז איצט פארווילדעוועט פון צארן און פארצווייפעלט פון א ביטערען ראכע-געפיהל. זיי פארשטעהען שוין גאנץ גוט, אז זייער „גיים" איז פארשפילט, אז די יוניאן אונזערע וועלען זיי שוין אין זייערע הענד צוריק ניט ארייינקריגען, און דאפיר האבען זיי זיך איצט פארמאסטען אפצורעכענען זיך מיט די איינצעלנע פיהרער פון אונזער יוניאן, צו אטאקירען זיי פערזענליך, צו באשמוצען זייערע כאראקטערס, און צו פארשווארצען, אזוי ווייט ווי זיי קענען, זייערע עהרליכע רעפוטאציעס אין די אויגען פון אונזערע ארבייטער.

דער הויפט צילבערט פון זייערע אטאקעס איז, נאטירליך, פרעזידענט זיגמאן. די פארצווייפעלטע און צווישעטע לינקע געזינדעל צילט עס אין איהם די מייסטע פון איהרע פארגיפטעטע פיילען. מיר פארשטעהען, נאטירליך, זייערע פארביטערטע געפיהלען. מאריס זיגמאן שטאלצירט פיילייכט ניט מיט זיינע שונאים, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ער האט זייער שנאה כשר פארדינט. די קאמוניסטישע באנדע און איהרע נאכשלעפער צווישען א געוויסען טיפ פון געפאלענע אידלאך אין אונזער יוניאן, וואס קענען ניט פארגעבען פרעזידענט זיגמאן, וואס ער האט מיטגעהאלפען, אז די ארגאניזאציע זאל פון זיי פטור ווערען, האבען זעהר ממשותדיגע אורזאכען ווארום זיי זאלען איהם האסען.

מאריס זיגמאן איז געוועזען פאר היבשע עטליכע יאהרען א ביין אין האלז פאר דיזע לייטע, — פון דעם ערשטען טאג אן, וואס זיי האבען זיך פארמאסטען צו אנעקסירען אונזער אינטערנעשאנעל אלס א מאסקווער הייזקע דא, אין די פאראייניגטע שטאטען — ביז דער לעצטער שטונדע, ווען די אויפגעבראכטע, צארנדיגע מאסען פון אונזערע מעמבערס האבען זיי ארויסגעווארפען און האבען זיי געצוואונגען אפצוזאגען זיך פון די ווארימע נעסטלאך וואס זיי האבען פאר זיך שוין געהאט אויפגעבויט אין אונזער ארגאניזאציע אין דער צייט ווען זיי האבען געבאלעבאטעוועט איבער'ן ניו יארקער דזשאינט באארד.

פרעזידענט זיגמאן, און זיינע נאהענטע פיהרער, זיינען דאס געוועזען די יעניגע, וואס האבען געשטערט די „כאווירים" יעדען מאל ווען זיי האבען געמאכט א פארזוך צוריק אריינ'גנב'ענען זיך אין דער ארגאניזאציע, אונטער איין מאסקע אדער א צווייטער; פרעזידענט זיגמאן איז געוועזען דער יעניגער, וועלכער האט אויפגעדעקט אלע זייערע „שלום" מאכערייקעס, אלע זייערע „אומפארטייאישע" מאנעווערס, און האט זיי ענדליך געצוואונגען ארונטערצורייסען פון זיך דעם „רעוואלוציאנערען" פרצוף און ארויסגעהן אין דער עפענטליכקייט אלס א פשוט'ע סקעב אייזשענסי, וואס ארבייט מיט אומפארשטעלטער חוצפה, האנט אין האנט מיט די סקעב באלעבאטים.

* * *

אט דיזע פערזענליכע אטאקע אויף פרעזידענט זיגמאן האט זיך אנגעפאנגען, נאטירליך, ניט לעצטע וואך. די קאמוניסטען און זייערע שותפים, די „שלום זוכערס" און די אומצופרידענע אמאליגע אלטע דזשאבהאלדערס, האבען אנגעפאנגען אט דיזען שמוץ קאמפיין נאך מיט א האלב יאהר צוריק, ווען זיי זיינען, הפנים, געקומען צום שלום, אז די קלאוקמאכער און דרעסמאכער יוניאן האט זיך, נעבאך, ארויסגעגליטשט אויף אימער פון זייערע הענט. אונזערע מיטגלידער זיינען ווארשיינליך גאנץ גענוי באקאנט מיט דער בייזער וואקכאנאליע פון בלבול, ליגנעריי און „לייבעל", וואס די קאמוניסטישע פרעסע, און ברודער זיגמאן'ס פערזענליכע שונאים אין דער באלעבאטישער פרעסע, האבען געגען איהם אנגעפיהרט דעם גאנצען פארגאנגענעם זומער, ביז ווענען ער איז געצוואונגען געווארען צו ברענגען זייערע פארלוימדער אין קאורט, וואו זיי וועלען מוזען „באווייזען" זייערע שמוציגע באשולדיגונגען, און אויב ניט, באצאהלען די געהעריגע שטראף.

דיזער לעצטער פאסקוויל, פון דער האלב-צולאפענער באנדע פון געוועזענע דזשאבהאלדערס און צרה'דיגע קאמוניסטישע דיקטאטארלאך, ציינט בולט ארויס, אז דער חברה ליגט שוין אפילו איצט ניט אין קאפ צו ריידען וועגען זייערע „פאליסים, טאקטיק און מעטאדען", מכח וועלכע פילע פון דיזער קליקע פלעגען ביז איצט פון צייט צו צייט פלאפלען. עס איז שוין, גאט צו דאנקען, ניט מער קיין פראגע פון פרינציפען. דיזען מאסקאראד און שונד-קאמעדיע האבען זיי שוין איצט אוועקגעלייגט אן א זייט. איצט איז ביי זיי די גאנצע פראגע נאר פון „זיגמאן און זיינע העלפער". זאל נאר זיגמאן אוועקגעהן, און אלעס וועט זיין „שלום און הארמאניע" אין אונזער ארבייטער וועלטעל. זיגמאן'ס אוועקגעהן, און דער אריינקומען פון א „נייעם פיהרער" וועט דינען אלס א „סיגנאל פאר דער עטאבלירונג פון רעספעקט און אנשטענדיגע ארבייטס-באדינגונגען אין די שעפער".

דעם אמת זאגען, האבען מיר שוין לאנג ערווארטעט, אז דער קרייצונג פון די קאמוניסטען און פון דער ערב-רב וואס שלעפט זיך נאך זייער צובראכענעם וואגען, וועט סוף כל סוף פארוואנדעלט ווערען אין אזא מין ביליגער, שמוציגע פאיאצעריי. מיר האבען דיזע באנדע געקענט צו גוט צו ערווארטען, אז פון זיי וועט זיך אויסלאזען עפעס אן אנדער סוף. מיר זיינען, דערום, גארניט איבעראשט פון דער שפאגעל-נייער „טאקטיק" וואס די געפאלענע געזינדעל האט איצט אנגענומען געגען אונזער אינטערנעשאנעל. ווי אזוי אט דיזע נייע שימף-מעטאדע איז אויפגענומען געווארען פון די קלאוק און דרעסמאכער, און אין דעם שאפ דיסטריקט אין אלגעמיין, קען מען זעהן דערפון, אז טאקע ניט שפעטער ווי אויף מארגען, נאכדעם ווי דיזער פאסקוויל איז ערשינען אין גאס, האט די קאמוניסטישע פרעסע אין איילעניש געלאזט וויסען, אז זי האט, נעבאך, גארניט צו טאן מיט דיזען מייסטער-ווערק, און אלע זייערע נאכפאלגער, די אפיציעלע און ניט-אפיציעלע, האבען פונקט אזוי שנעל אפגעלייקענט שטיין און ביין, אז זיי האבען עפעס געהאט צו טאן מיט דיזען נייעם ממזר'על.

מיר דארפען ניט פארטיידיגען פרעזידענט זיגמאנ'ען און זיין רעפוטאציע פאר די מיטגלידער פון דער קלאוק און דרעסמאכער ארגאניזאציע אין ניו יארק. מיר דארפען ניט אונטערשטרייכען זיין ראליע אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן, פון די ערשטע יאהרען וואס זי האט זיך געגרינדעט, ביז היינט צו טאג. זיין רעקארד איז אן אפענער בוך און מיר גלויבען, אז ער איז גאנץ צופרידען צו שטעהן אויף דיזען רעקארד, אלס א פערזאן און אלס א פיהרער, פאר דעם געריכט פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג, און פאר דער מיינונג פון די וועלכע ער שעצט אם העכסטען — זיינע מיטארבייטער און מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן.

מיר האבען בלויז דעם איצידענט דערמאנט, דערפאר, ווייל, ווי מיר האבען אויבען געזאגט, מיר האבען געוואלט אנדייטען ווי טיף די שונאים פון אונזער אינטערנעשאנאל זיינען איצט פארזונקען אין זייער אייגענעם שמוץ. מיר זיינען אבער זיכער, אז פונקט אזוי ווי זייער גענגסטעריי, עפענטליכע סקעבעריי, גרעפט און טעראר זיינען דורכגעפאלען, אזוי וועט זייער באנייטער קאמפיין פון פערזענליכען בלבול, און כאראקטער-מערדעריי דורכפאלען פונקט אזוי מיאוס.

דזשאדזש פענקין מוז ווידער ערוויילט ווערען

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל האט אינדארסירט די קאנדידאטור פון אונזער פריינד און גענאסע, ריכטער דזשייקאב פענקין, אויף דעם טיקעט פון דער סאציאליסטישער פארטיי און האט פארשפראכען צו העלפען אין זיין קאמפיין, פינאנציעל און מאראליש.

דיזע אינדארסירונג מיינט, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אפעלירט צו אלע אונזערע מעמבערס וואס וואוינען אין דעם צווייטען מיוניסיפאל דיסטריקט אויף דער איסט סייד אין ניו יארק, אז זיי זאלען זיך ארייינווארפען אין קאמף מיט אלע זייערע כוחות און העלפען אין דער ווידער-ערוויילונג פון אונזער באליבטען ריכטער, דזשייקאב פענקין.

* * *

דזשייקאב פענקין נויטיגט זיך ניט אין קיינע פארשטעלונגען צו די ניו יארקער קלאוקמאכער און דרעסמאכער. פאר זיי איז דזשאדזש פענקין ניט נאר געווען א העכסט עהרליכער און סימפאטישער ריכטער פאר די לעצטע 10 יאהר, אין א קאורט וואס קומט אין נאהענטסטער בארירונג מיט די נויטען און באדערפענישען פון די ארבייטער, — זיי קענען אונזער אלטען פריינד, אלס א מידלאזען און מוטיגען פארטיידיגער פון ארבייטער קלאס פאר די לעצטע דרייסיג יאהר, אימערצו אין דער ערשטער רייהע פון אלע אונזערע קעמפע, אלס לאיער, אלס ראט-געבער און באשיצער. זיי קענען איהם פאר צוואנציג יאהר אלס זייער פארשטייער ביי קאנפערענצען מיט די באלעבאטים, אלס לאיער וואס האט געקעמפט פאר זייערע אינטערעסען אין די קאורטס, וואס האט פארטיידיגט סטרייקערס און פיקעטס און האט, וואו מעגליך, געהאלפען צו פארניכטען אדער אפשוואכען די פארניכטענדע ווירקונג פון אינדזשאנקשאנס.

קלאוקמאכער און דרעסמאכער, און אלע אנדערע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, וואס וואוינען אין דעם דיסטריקט וואו דזשאדזש פענקין לויפט איצט פאר ווידער-ערוויילונג, קענען שטארק באהילפיג זיין איהם צו ערוועהלען. עס זיינען דא אין יענעם דיסטריקט טויזענטער פון אונזערע ארבייטער, און ווען זיי זאלען זייער פליכט צו זייער יוניאן, צו זיך זעלבסט, און צו דער ארבייטער באוועגונג אלס גאנצע, פון וועלכע זיי זיינען א טייל, עהרליך נאכקומען, איז די ווידער-ערוועהלונג פון דזשייקאב פענקין, אלס ריכטער, אין דעם „ארימאנ'ס קאורט", כמעט ווי פארזיכערט.

די ערשטע זאך וואס מוז געטאן ווערען איז, אלע דארפען זיך דיזע וואך רעדזשיסטרירען, און זיי דארפען זעהן, דאס אלע מיטגלידער פון זייער פאמיליע, וואס זיינען בארעכטיגט צו שטימען, זאלען זיך רעדזשיסטרירען. ליידער, האבען אונזערע ארבייטער אימער א געוואוינהייט אפצולייגען דאס רעדזשיסטרירען זיך ביז צו דער לעצטער שטונדע, און דאס ברענגט אפט דערצו, אז זיי פארנאכלעסיגען עס, און אן אנדער „בירגער" שטימט פאר זיי עלעקשאן טאג. ווייטער, דארף יעדער אינטערנעשאנאל מיטגליד ווערען אין פארלויף פון די נעקסטע עטליכע וואכען אן אקטיווער טוער און אויפמונטערער אין דעם פענקין קאמפיין, ביי זיך אין שאפ, ביי מיטינגען, און אויף די גאסען אין דעם שאפ דיסטריקט, וואו ער באגעגענט זיך מיט זיינע פריינד און מיטארבייטער.

די גאנצע ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק האט זיך פארנומען צו געווינען די גרויסע איסט-סייד פאר גענאסע פענקינ'ס קאנדידאטור, און צו געווינען עס מיט א גרויסער מעהרהייט, כדי אז אפילו די גנבות פון די פאליטישענס זאלען אויך ניט אפהאלטען זיין ערוועהלונג. אונזער אינטערנעשאנאל און איהרע לאקאלען, מיט וועלכע ברודער פענקין איז געווען פארבונדען אלס לאיער, אלס ארגאנייזער, און אלס פראפאגאנדיסט פילע און פילע יאהרען, איז אין די ערשטע רייהען פון דיזען קאמפיין.

מיר קענען דעם קאמפיין געווינען אויב מיר זאלען נאר וועלען. לאמיר זיך נעמען צו דער ארבייט!

די אינטערנעשאנאל דאנקט דער ארבייטער באוועגונג

די צוויי רעזאלוציעס וואס זיינען אריינגעבראכט געווארען פון אונזער דעלעגאט, בר. איזידאר נאגלער, צו דער לאס אנדזשעלעס'ער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר לעצטע וואך, וואס דאנקט דעם עקזעקוטיוו קאונסיל און אלע אינטערנעשאנאל יוניאנס וואס זיינען פארבונדען מיט דער פעדערישאן, פאר דער מאראלער און פינאנציעלער הילף

די ברידער טארא

(נאטיצען פון א זשורנאליסט).

פון על עם.

אין דער ליטעראטורישער וועלט זיינען באקאנט עטליכע פאלען, וואו צוויי ברידער האבען זיך פאראייניגט צו שאפען זייערע ווערק צוזאמען. אין דער דייטשער ליטעראטור זיינען באריהמט „די ברידער גרים"; אין דער פראנצויזישער ליטעראטור פון פאריגען יאהרהונדערט זיינען גוט באקאנט „די ברידער גאנקור"; אין דער מאדערנער פראנצויזישער ליטעראטור זיינען מעהר פאפולער די ברידער זשעראם און זשאן טארא, וועלכע גיבען ארויס צוזאמען אלע יאהר א ראמאן, וואס ווערט געלעזען ניט בלויז אין פראנקרייך, נאר אויך אין אויסלאנד.

אט מיט דעם צווילינג-שרייבער וויל איך באקאנט מאכען די לעזער פון מיינע נאטיצען.

איך גלויב, אז זיי וועלען פאראינטערעסירען דעם אידישען לעזער ניט בלויז, ווייל זיי זיינען באריהמטע און פאפולערע שריפטשטעלער, נאר אויך דערפאר, ווייל זיי זיינען מיט אונז אידען שטיקלאך מחותנים. זיי זיינען אליין ניט קיין אידען, נאר זיי שרייבען וועגען אידען, אידישען לעבען, אידישע אידעאלען, אידישע מנהגים.

און באריהמט און פאפולער זיינען זיי געווארען טאקע ניט דורך די איבעריגע ביכער זייערע, נאר דורך די פיער-פינף „אידישע" ראמאנען, וועלכע האבען פאר די פראנצויזען געעפענט א נייע אונבאקאנטע וועלט, אן עקזאטישע וועלט מיט עקזאטישע מענשען, וועלכע האבען א באזונדער צויבער אויפ'ן ברייטען עולם לעזער.

פריהער פון אלץ וועל איך אנרופען די נעמען פון זייערע אידישע ראמאנען: „ווען ישראל איז קעניג" (פון דער קאמוניסטישער רעוואלוציע אין אונגארן), „דער שאטען פון צלם" (די איבערלעבעבעניש פון א אידיש קינד, וואס לעבט אין שרעק פאר פאגראמען), „די ראזע פון שרון" (א פארטזעצונג פון פריהערדיגען ראמאן), „לשנה הבאה בירושלים" (א באשרייבונג פון א רייזע איבער פאלעסטינע מיט די שילדערונגען פון אלערליי אידישע טיפען, פון אן עקסטרעמען ציוניסט ביז א פארפרומטען רב, וואס קלאגט אויף די בויער פון ציון), און נאך א ראמאן, וואס הייסט, דוכט זיך, „די קעניגרייך פון גאט".

ווי געזאגט, זיינען די ברידער טארא עכטע פראנצויזען, כשר'ע קאטאליקען. ווי קומען זיי צו אידען?

מיט דיזער פראגע האט זיך צו זיי געווענדעט א פעהיגער פראנצויזישער זשורנאליסט, וואס האט זיך ספעציאליזירט אויף געשפרעכען מיט באריהמטע מענשען.

— נאר א צופאל האט מיך געבראכט צו פאראינטערעסירען זיך מיט אידען — האט דער עלטערער ברודער זשעראם געענטפערט. — איך בין געווען עטליכע יאהר א לעהרער אויף פראנצויזיש אין בודאפעסטער אוניווערזיטעט. צווישען מיינע תלמידים זיינען געווען פיל אידישע קינדער (פון קיין „נומערוס קלאוזוס" האט מען נאך דאן ניט געוואוסט אין אונגארן), ווייל אין בודאפעסט וואוינען פיל אידען. איהר ווייסט דאך אז ב ו ד א פ ע ס ט רופט מען י ו ד א פ ע ס ט. מיינע אידישע תלמידים זיינען מיר געפעלען געווארען צוליב זייער התמדה און זייער שארפען שכל. אויך האב איך דערפיהלט אין זיי עפעס מיסטישעס וואס האט מיך שטארק צוגעצויגען צו זיי. כ'האב זיך דערוואוסט, אז אין קארפאט-רוסלאנד וואוינען אידען וואס פיהרען אן אריגינעל אידיש לעבען און פעריען-צייט האב איך באזוכט עטליכע אידישע שטעטלאך."

אזוי ארום איז דזשעראם טארא געווארען א אידען-קענער. ער האט דערצעהלט דעם ברודער, דעם שותף צו שאפען, וועגען דעם „אוצר" וואס ער האט געפונען, נאר זיי האבען פארשטאנען, אז מען מוז זיך נאך צוגרייטען ביז צו שרייבען ביכער פונ'ם אידישען לעבען.

האט גאט צוגעשיקט דעם אינגערען ברודער טארא זשאן א באקאנטען אידען פון קארפאט-רוסלאנד. אט ווי אזוי ער שילדערט איהם:

„מיין אידישער פריינד איז שוין געווען א פאריזער (שוין צופיל פאריזער, לויט מיין געשמאק), נאר זיין משפחה האט נאך געוואוינט דארטען, אין א קליין שטעדטעל און געפיהרט אן אלט-מאדיש אידיש לעבען. איך האב פארבראכט ביי זיי אין שטוב א שטיקעל צייט און האב זיך צוגעקוקט צו דעם אידישען פאמיליען-לעבען. כ'האב באמערקט, אז דער צייט-גייסט האט אנגעריהרט די אידישע פאמיליע. די מאטע איז נאך געווען עכט פרום, איינפאך און בשום. דער טאטע האט אין דערהיים געפיהרט א אידישען „שטאט", געגאנגען אין א שטריימעל און אין א לאנגער קאפאטע, נאר לויט זיינע געשפרעכען האב איך פארשטאנען, אז אין קארלסבאד און אין בודאפעסט איז ער ניט אזוי פרום. די יונגע טעכטער האבען שוין באקומען ניט קיין אידישע בילדונג און האבען גערעדט גוט פראנצויזיש, און די גאנצע נשמה זייערע האט געשטרעבט קיין פאריז. וואס אנבאלאנגט מיין פריינד, האט ער געמאכט חוזק פון זיין אידישער פאמיליע און האט ניט געקאנט פארשטעהן, פאר וואס אינטערעסיר איך זיך אזוי מיט די זאכען, וועלכע זיינען איהם נאריש, לעכערליך און ווילד".

איינמאל האט דער היינט-וועלטינער איד געזאגט צום משונה'דיגען פראנצויזישען גוי:

— אויב איהר ווילט זעהן אמת'ע אלטמאדישע אידען, לאמיר פאהרען קיין בעלז, דארטען וואוינט א גרויסער חסידישער „רבי".

אט ווי זשאן טארא דערצעהלט וועגען דעם:

„מיר האבען פארבראכט אין דעם קליינעם שטעדטעל אויפ'ן רוסיש-פוילישען גרעניץ א גאנצע וואך. איך האב דארטען געלעבט ווי אין א חלום, אריבער פון וואונדער צו וואונדער, צווישען מענשען, וואס איך פארשטעה ניט זייער שפראך, זייערע געפיהלען, זייערע געדאנקען, און אלץ וואס מיינע אויגען האבען געזעהן איז מיר אויסגעקומען אונפארשטענדליך, פאנטאסטיש, ווי אין האפמאנ'ס מעשהלאך".

דארט, אין בעלז האט טארא זיך באקענט מיט א אידישען יונגנמאן, אן אפיקורס, וואס האט א פאר יאהר שטודירט אין בערלין, און ער פלעגט קומען צו איהם אין אכסניא אלע נאכט (ביי טאג האט ער מורא געהאט) און דערצעהלען איהם, וואס עס קומט פאר אין רבינ'ס הויף, וואס פאר א מענשען זיינען די „חסידים" א. א. וו.

דערנאך אין פאריז האבען די ברידער טארא געזוכט באקאנטשאפט מיט אידישע יונגע לייט פון רוסלאנד און פוילען, און אין די קאפע-הייזער האבען זיי זיך אנגעהערט מעשיות און געשיכטען פון אידישען לעבען, אלץ פארצייכענט אין נאטיץ-ביכער און געזאמעלט מאטעריאל פאר זייערע אידישע ראמאנען.

באזונדערס — דערצעהלען די ברידער טארא — האבען זיי פיל צו פארדאנקען דעם יונגען פראנצויזיש-אידישען שריפטשטעלער טווערסקי (שטאמט פון א חסידישען רבי'ן), וועלכער האט זיי זעהר פיל דערצעהלט פון אידען און אידישקייט.

א פראנצויזישער קריטיקער האט ניט לאנג געשריבען, אז די ברידער טארא שאפען ניט זאלבעצווייט, נאר זאלבע-דריט, ד. ה. א דריטע פערזאן דערצעהלט זיי וועגען די העלדען פון זייערע ראמאנען.

די ברידער טארא האבען שטארק פאראיבעל, וואס די אידישע פרעסע האלט זיי פאר אנטיסעמיטען און באשולדיגט זיי אין שרייבען קאריקאטורען פון אידישען לעבען. זיי זאגען, אז פונקט ווי זיי האבען געשילדערט די אידישע נאס אויך אבראמאוויטש און סמאלענסקין, און שרייבען אמת וועגען אידען הייסט ניט זיין אנטיסעמיטיש.

פארשטעהט זיך, אז זיי לוינט ניט צו האבען דעם שם-רע פון אנטיסעמיטען, ווייל דורך דעם וועלען זיי פארלירען א גרויסע צאהל לעזער.

דער אמת אבער איז, אז גענוג איז איבערצולעזען זייער ראמאן „ווען ישראל איז קעניג" אדער „לשנה הבאה בירושלים", אום גלייך צו דערשפירען דעם גיפט פון ראפינירטע אנטיסעמיטען. אמת, זיי געברויכען ניט קיין טעמפע געוועהר אום צו שלאגען אידען, אבער זייערע פארגיפטעטע קוילען און שארפע שפיזען מאכען גרעסערע וואונדען.

אבער ניט דאס בין איך איצט אויסען. איך האב נאר געוואלט אנמערקען די כאראקטעריסטישע שטריכען פון די ניט-אידישע שרייבער, וועלכע שרייבען וועגען אידען. זיי אלע, מעגען זיי זיין גרויסע קינסטלער, שרייבען מייסטענס וואס זיי האבען געהערט וועגען אידען; אליין צו זעהן מיט איינענע אויגען און פארשטעהן און פיהלען די אידישע וועלט זיינען זיי ניט אין שטאנד.

און צום אונגליק הערען זיי וועגען אידען ניט פון אזעלכע מענשען, וועלכע זיינען צוטיפסגעבונדען מיט'ן אידישען לעבען, נאר פון אזעלכע, וואס האבען זיך אפגעריסען פון זייער פאלק, וואס האבען שוין פארלארען דעם נאטירליכען צובונד צו איהם, וואס זיינען אפט אליין אנטיסעמיטיש געשטימט.

אלס אילוסטראציע צו דעם קאנען אונז דינען די ברידער טארא.

א פארזוך צו דראמאטיזירען די ארבייטער באוועגונג

פון פאניא מ. קאהען

דער וואונש פון דער טרייד-יוניאן באוועגונג צו אנטוויקלען ביי די מיטגלידער בילדונג קאאפעראציאן, מאכט פראגרעס און פראגרעס. היינט צו טאג איז דא א באוועגונג צו פארוואנדלען אין א דראמאטישען שוישפיל, צו דראמאטיזירען יעדע ערנסטע פאסירונג אין דער ארבייטער באוועגונג, ווי למשל, יוניאן פראצעסען און די אויסגאנג פון די פראצעסען, פרייד און שמערץ, גליק און אומגליק, קאמף, דורכפאל און זיג.

די דראמאטיזירונג פון פאסירונגען זאל זיך באציהען ניט נאר אויף איצטיגע, נאר אויך אויף פארגאנגענע פאסירונגען, וואס די פיאנערען פון דער ארבייטער באוועגונג און די וועלכע שטעהען מיט דער באוועגונג ביז איצט האבען דורכגעמאכט.

יעדער אינצידענט אין'ם לעבען פון דער באוועגונג קאן אנטוויקעלט ווערען צו א הויכען גראד קונסט און אין דער זעלבער צייט אזוי פאפולער מאכען, אז עס זאל זיין צוגענגליך, פארשטענדליך פאר יעדען ארבייטער און ער זאל האבען א פאלשטענדיגען בילד פון אלע פאסירונגען אין'ם לעבען פון דער יוניאן, וואס איז ווירקליך א וועלט פאר זיך.

די ארבייטער וועלען שעצען אזא אויפטו, ווען עס וועט זיך נאר דאס איינגעבען. און די ארבייט זעלבסט וועט האבען אין זיך די הויפט-מעלה וואס עס וועט זיי אנרייצען, עס וועט זיי געבען חשק און באגייסטערונג צו ווייטערדיגע ארבייט צו גונסטען דער טרייד-יוניאן באוועגונג.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט מיט איינינע יאהר צוריק געפלאנט צו טאן, צו מאכען א פראבע און טאן אזא סארט ארבייט און איז ערפאלגרייך געווען צוציהען* אויסגעצייכענטע ארטיסטען, וועלכע האבען געוואלט בא הילפיג זיין דורכצופיהרען אונזער פראגראם. אויף די אווענטען פון שבת און זונטאג האבען מיר ארגאנזשירט פארזאמלונגען פון אונזערע מיטגלידער און זייערע פאמיליען און מיר האבען צוזאמענגעשטעלט א מוזיקאלישען פראגראם, מיט קורצע אינטערעסאנטע רעדעס פון אינטערעסאנטען אינהאלט. די קורצע רעדעס זיינען דערנאך באגלייט געווארען מיט געזאנגען פון א גלענצענדע גרופע זינגערס, און ערשט נאכדעם זיינען די אינטערעסאנטע אמוזירענדע נעכט באגלייט געווארען מיט שעהנע טענץ פון יונגע לעבעדיגע מענשען.

די פארזאמלונגען זיינען אזוי אינטערעסאנט, אזוי אנציהענד און אייבדרוקספול, אז די מענער און פרויען, ניט קיין אונטערשיד פון יונג און אלט, זיינען אזוי ערמונטערט געווארען מיט דעם גייסט, מיט דער זעלע און נשמה פון דער געזעלינקייט פון דעם געזעלשאפטליכען פארברענגען, אז עס האט ווירקליך באשאפען אן אידעאליסטישע ארטיסטישע אטמאספערע. אפילו ביי די קינדער וואס די מיטגלידער האבען מיטגעבראכט האט זיך געשאפען אט די געזעלינקייט. אין דער גאנצער לופט אין דער צייט פון פארברענגען האט זיך די באשאפענע אטמאספערע געפילט.

די גרופע פאראדע זינגערס זיינען ספעציעל אויפגענומען געווארען מיט ענטוזיאזם און דאס האט געגעבען א גאר באזונדערען רייץ, א באזונדערען חשק פאר א פארטזעצונג פון דער ארבייט.

אונגליקליכערווייזע זיינען פאראן פיל אין אונזער באוועגונג, וואס פיהלען ניט דעם טעם פון אזא פארברייטונג. זיי דענקען למשל, אז זינגען איז נאר אן ארבייט וואס פאסט זיך פאר די אמאליגע לווים, אזוי ווי עס איז פאראן נאך איינינע וואס זיי דענקען, אז דאס שפילען פון דעם פידעל, פון דער הארף, פאסט פאר דעם פאסטוך דוד המלך, און פאר די זין און פאר די טעכטער פון בבל. וואס איך מיין מיט דעם סארקאסטישען אויסדרוק צו זאגען, איז: אז מיר זינגען ניט גענוג, כאטש זינגען איז דער אנרייצענדסטער, דער באלעבענסטער איינפלוס וואס רופט ארויס ביי די מענשען זייער העכסט מענשליכע געפיהלען וואס זיינען בעהאלטען אין די לאבירינטען פון זיין נשמה.

זינגען האלט א גרופע צוזאמען, און עס ערפרישט זייערע געפיהלען, עס ברענגט ארויס ביי די מענשען די נשמה יתירה. קלוג איז געווען דער, וואס האט אין דעם אידישען פרייטאג צו נאכטס דער ערשטער א קלאפ געטאן מיט דעם „לכו נרננה" און נאריש זיינען די וואס מאכען אוועק מיט דער האנט פון אזא גייסטיגען פארגעניגען.

געזאנגען האבען אלע מאל מענשען צום קאמף געטרייצט און עס האט זיי נאבעלע רעוואלוציאנערע טהאטען געמאכט צו באגעהן, טהאטען פאר'ן אלגעמיין מענשליכען אידעאל.

מיר האבען פיל האפנונג געלעגט אויף אונזער אויסגעארבייטען פראגראם, מיר זיינען געווען איבערצייגט אז דאס איז א טייל פון אונזער עדיוקיישאן און איז פול מיט אן ארטיסטישען ווערטה.

אומגליקליכערווייזע איז דורך דעם טרויעריגען צופאל פון אונזער אינערליכע צרה, פון וועלכע די יוניאן ליידט שוין א פאר יאהר, איז אונזער פראגראם אזוי צו זאגען פארלעצט געווארען און ניט דורכגעפיהרט געווארען ווי עס דארף צו זיין. אבער מיר האבען זיך ניט אפגעשטעלט אינגאנצען און געזאגט גם זו לטובה. אונזער נאטור איז צו אן אומרוהיגע אז מיר זאלען זיך ארפלאזען צו דער מדרגה וואו אונזער ארבייט זאל פאראליזירט ווערען. מיר האבען געקעמפט מיט די אומשטענדען, און אין לעצטען סטרייק האבען מיר פארטגעזעצט א טייל פון אונזער פראגראם. ס'האט אונז ווירקליך געפרעהט צו זעהן ווי אונזער ארבייט, ווי אונזערע אונטערנעמונגען זיינען געשעצט געווארען פון די מאסען אין די האלס, און האבען באטראכט אונזער ארבייט ניט ווי עפעס א ביי-זאך, נאר ווי א העכסט וויכטיגע ארבייט, וואס פאדערט זיך אין צייט פון א סטרייק.

ניט נאר האבען מיר דורכגעפיהרט א טייל פון אונזער פראגראם אין די האלס, נאר אויך אין די דיסטריקטען פון די סטרייקענדע פאמיליעס. די מענער זיינען פון זייערע פרויען געבעטען געווארען אז זיי זאלען בלייבען אין דערהיים און אכטונג געבען אויף די קינדער און זייערע פרויען, וואס האבען מעהר פאר זיך ניט געזעהן דעם גאנצען טאג ווי די פראסטע קיך, די געשיר און די צרות פונ'ם סטרייק, האבען זיך אויף די קאנצערטען גאנץ שעהן אמוזירט און האבען געגארט נאך מעהר אזעלכע אונטערנעהמונגען.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וועט דעם יאהר אנווענדען אלע מעגליכע מיטלען, צו פארווירקליכען דעם גאנצען פראגראם, וואס מיר האבען נאך מיט אייניגע יאהרען צוריק געפלאנט.

מיט דעם וואוקס פון דער טרייד יוניאן באוועגונג וואקסט אויך דער וואונש ביי די מעמבערס. דער אינערליכער פארלאנג צופרידענצושטעלען ניט נאר זייערע מאטעריאלע גופ'דיגע פארלאנגען, נאר אויך זייערע גייסטיגע. דער מענש שטייגט העכער און העכער, דערפאר ווערען זיינע פארלאנגען מעהר מענשליכערע, און די טרייד יוניאן באוועגונג מאכט איצט די פראבע נאכצוקומען דעם מענשליכען פארלאנג פון די מיטגלידער און זייערע פאמיליען.

אזוי ווי די עדיוקיישאנאל ארבייט איז געווארען א נוצליכער אינסטרומענט פאר אלע מעמבערס צוגלייך, דאריבער וועלען מיר זיך ניט באגרעניצען מיט אונזער עדיוקיישאן בלויז צו אונזערע קלאס רומס, נאר מיר וועלען מאכען אז די בילדונג זאל זיין אן אלזייטיגע, אז דער געשיקטער און מעהר פעהיגער מעמבער און סיי דער ניט אזוי שטארק געשיקטער, זאל קאנען געניסען פון דער עדיוקיישאן אזוי צו זאגען, קאנען פארדייען דאס וואס ער וועט האבען געלערנט. אונזער בילדונג וועט זיין אינטעלעקטועל. עקאנאמיש, וויסענשאפטליך און ערהאלונג.

יא, די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל באוועגונג קומט מיט'ן וואוקס פון דער גאנצער יוניאן באוועגונג. ס'ווערט א טייל פונ'ם גאנצען גוף און נשמה פון דער יוניאן באוועגונג. און עס איז גאר קיין פראגע ניט, אז מיר וועלען מאכען ערפאלג אויף דעם געביט, און די פיאנערען פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וועלען מיט דער צייט באריהמט ווערען פאר זייער מענשליכען אויפטו פאר אויפצושטעלען אן אינסטרומענט וואס גיט צו מענשען אזויפיל געזעלשאפטליכע טעטיגקייט און גייסטיגע פארגעניגען.

וויסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון הר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אלע בעקאנט ווערען.

דאס פראבלעם פונ'ם קליינעם שאפ אין דער קלאוק אינדוסטריע

די ענטוויקלונג פונ'ם קליינעם שאפ. — איז פאראן א מעגליכקייט דעם קליינעם שאפ אפצושאפען? — קאן די יוניאן זיך ערלויבען צו געבען די באלעבאטים קאנצעסיעס זיי זאלען איינפיהרען דעם גרויסען שאפ? — א מיינונג פון געוועזענעם פרעזידענט ראזענבערג וועגען דער וויכטיגער פראגע. — מיינונגען פון אנדערע פאראנטווארטליכע טוער.

פון פיליפ קורינסקי.

פרעזידענט זיגמאן האט איצט באשעפטיגט די מוחות פון אלע ערנסטע מיטגלידער אין אונזער טרייד מיט א פשוט'ער לעבענס-פראגע, נעמליך, מיט דעם קליינעם שאפ, וואס איז, לויט פרעזידענט זיגמאן'ס מיינונג, דער גרעסטער איבעל אין טרייד.

ארום דעם פראבלעם פונ'ם קליינעם שאפ איז פארבונדען א גאנצער קנויל מיט פראבלעמען, וועלכע מען דארף פאנאנדערפלאנטערען. און עס פרעגט זיך ווי אזוי גלייכט מען אויס דאס וואס עס איז פארפלאנטערט געווארען אין אונזער אינדוסטריע פאר די לעצטע יאהרען. ווי אזוי ברענגט מען אריין א טאלק אין דער אינדוסטריע?

די קליידער אינדוסטריע איז היינט איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען אין לאנד. עס ווערען פאבריצירט קליידער פאר הונדערטע מיליאנען דאלאר. זי איז א גרויסע רייכע אינדוסטריע, אבער נים קוקענדיג אויף דער ריזיגער גרויס פון דער אינדוסטריע, איז דער קליינער שאפ אזוי פארשפרייט. דער קליינער שאפ איז כמעט נים גרעסער ווי דער פאמיליען־שאפ, וואס האט עקזיסטירט נאך איידער די נעה-מאשין איז אריינגעקומען, אין דעם יאהר 1846.

צו יענער צייט האט געהערשט א פאמיליען־סיסטעם, ביי וועלכער דאס גאנצע הויז־געזינד פלעגט נעהען דעם גארמענט. אבער ווען די נעה-מאשין איז אריינגעקומען אין מארקעט און דערנאך, אין 1875, ווען עס איז געקומען די קאטינג מאשין, וואס האט געמאכט מעגליך צו שניידען לויט שטענדיגע פעטערנס, און פארטיגע קליידער זיינען אריינגעקומען אין א גרויסער צאהל, האט די קליינע בער-רום שאפ פון דער פאמיליע, וואס האט דאמאלסט געהערשט א דאנק דעם קאסטאם טיילאר־סיסטעם, געגעבען פלאץ צו דעם גרויסען שאפ. דער קאסטאם-טיילאר, וואס האט באשעפטיגט דעם קליינעם פאמיליען-שאפ, האט זיך ארויסגעארבייט. ער איז געווארען רייכער און האט געמוזט די פילע ארדערס, וואס ער האט אנגענומען, ארויסגעבען צו מעהרערע הענט, צו אנדערע פאמיליען, נאר איבערהויפט האט ער פארגרעסערט דעם שאפ אינווייניג.

דער גרויסער שאפ האט זיך אזוי גרויס ארויסגעארבייט, ביז עס האט דערגרייכט די מדרגה פונ'ם גרויסען ווערהויז, וואו מאסען קאנטראקטארס קומען ארויסנעמען ארבייט. דער קאנטראקטאר איז, הייסט עס, געווארען דער מיטעלמאן צווישען דעם ארבייטער און דעם פאבריקאנט. ער דינט דעם פאבריקאנט ווי א פארמאן. וואס טיכטיגער דער קאנטראקטאר, ס'הייסט וואס מעהרער דער פארמאן רייסט די שכירות פון די ארבייטער, האט אלץ מעהר דער ווערהויז באלעבאס געשניטען די פרייזען.

אין איינינע גרויסע שעפער איז דער קאנטראקטאר אנגעשטעלט געווארען אינווייניג אין שאפ גופא, און האט געדינט די זעלבע פונקציע וואס דער קאנטראקטאר אויסווייניג. ער האט געשפילט די ראלע פון אן אינוועניגען פארמאן. און עס איז נאך קיין פראגע נים, אז דאס קאנטראקטינג סיסטעם איז א גרויסער איבעל, פון וועלכען די בעל מלאכות ליידען צו יעדער צייט. דער קאנטראקטאר, וואס האט זיין שאפ אויטסייד, אויסער דער שטאדט, אדער אפילו אין שטאדט גופא, איז אלעמאל געווען די בייטש, מיט וועלכער דער אינסייד באס האט אנברחמנות'דיג געשלאגען דעם אינסייד שאפ ארבייטער.

פאר דעם גענעראל סטרייק פון 1910 האט די קאנטראקטינג סיסטעם אנגעמאכט א געוואלדיגע שקלאפעריי, וואס האט זיך אפגערופען אפילו אויף די גאר גרויסע שעפער, וואס האבען אין א גרויסער צאהל צו יענער צייט עקזיסטירט. דער באריהמטער היסטארישער קלאוקמאכער גענעראל סטרייק האט, ווי עס איז באקאנט צו יעדען מיטגליד פון דער אינטערנעשאנעל, אפגעשאפט די שקלאפעריי. אבער איין גרויסען פעלער איז מען באגאנגען גלייך נאך דעם סטרייק. נעמליך, דאס וואס מען האט גלייך נאך דעם באריהמטען סטרייק נים [illegible] קיין [illegible] מיט די קליינע [illegible]

[illegible] נים [illegible] א

נעגען דעם קליינעם שאפ, וואס עס האט זיך נעפאסט פאר דער אמאליגער צייט, איידער די קליידער אינדוסטריע האט דורכגעמאכט ענטוויקלונגען, פאר דער צייט ווען דער שניידער פלעגט נעמען א שטיק ווארע און אליין אויסשניידען א קלייד און אוועקזעצען זיך מיט דער פאמיליע און דאס אויפנעהען. יע, נים נאר האט מען נים אנגעפירט א קאמף געגען אט די קאנטראקטארלאך, געגען דעם סארט פיאוועס באלעבאטים'לאך, נאר מען האט אויך דורך נים פארזיכטיגע מיטלען ענטמוטיגט דעם גרויסען פאבריקאנט ער זאל אויפהאלטען דעם גרויסען שאפ. געדעכט זיינען געווען די יעניגע פיהרענדע עלעמענטען אין דער יוניאן, וועלכע האבען ארגומענטירט, אז די סטאפעדזשעס האבען געהאלפען פאריאגען די ארבייט.

און די יוניאן גופא האט זיך מיט דער פראבלעם פון די קליינע שעפער נים אפגעגעבען וויסענשאפטליך. די פיהרענדע עלעמענטען אין דער יוניאן, צו יענער צייט, ווען אפילו זיי האבען שוין אנגעהויבען דערפיהלען אז דער קליינער שאפ וואקסט אלס א צרה אויף דער יוניאנ'ס קאפ, זיינען אבער צו דער צרה נים צוגעגאנגען וויסענשאפטליך, זיי האבען, נעמליך, נים אונטערזוכט דעם ווארצל, פון וועלכען די צרה וואקסט ארויס, נאר זיי האבען, ווי נים ערפארענע גערטנער, אפגעהאקט די ווילדע גראז פון אויבען, און דעם ווארצל פון ווילדען גראז האבען זיי געלאזט אין דער ערד. און אט די איבערגעבליבענע ווארצלען פון די ווילדע גראזען האבען זיך פארשפרייט איבער דעם גאנצען פעלד, צווישען אלע פלאנצונגען, אויף אזא מאסשטאב, דאס מען האט זיי שוין אפילו מיט קיין קאסע נים געקענט אפהאקען, ווייל צוזאמען מיט די פילע ווילדע גראזען וואלט מען אויך באדארפט אפשניידען די פלאנצונגען, וועלכע האבען זיך אריינגעפלאכטען צווישען די גראזען.

ווען די פיהרענדע עלעמענטען האבען אונטערגענומען דעם סאב-מאנופעקטשורער סטאפעדזש, האבען זיי נים געפונען פאר נויטיג צו באטראכטען צוזאמען מיט די באלעבאטים (קלעס-קאלאבארייישאן), א פלאן אז דער איבעל זאל זיך מעהר נים פארשפרייטען, נאר מען האט זיך פארלאזט אויף דעם „געניאלען" פלאן, דאס מען וועט ביד חזקה אוועקמאכען מיט א פאר הונדערט סאב-באסעלאך. מען האט זיך נים אריינגעטראכט אין דעם שורש פון וואנען די סאב-באסעלאך זיינען ווי שוועמלאך נאך א רעגען אויסגעוואקסען. דער סוף איז געווען, אז מען האט אוועקגעמאכט אויף א ווילע מיט א פאר הונדערט, און אויף דעם פלאץ פון די פאר הונדערט, זיינען אויסגעוואקסען מעהרער ווי א פאר הונדערט — טאקע דיזעלבע און אויך אנדערע.

אין יאהר 1915 געפינען מיר שוין א לאגע, ווי עס ווערט בפירוש געשריבען אין אונזער איינענעם ארגאן, דאס א דריטעל פונ'ם טרייד ארבייטען אין די אויטסייד שעפער, ביי די אויטסייד קאנטראקטארס. דער אויטסייד קאנטראקטאר, וואס ער איז נאך ערגער ווי דער אינסייד באלעבאס, האט צו יענער צייט געוואלדיג געוואקסען. דער קליינער שאפ האט זיך ווי א מגפה פארשפרייט אינ'ם טרייד און דאס איז פשוט געווארען ווי א נגע צרעת אויף דעם קערפער פון דער יוניאן, ווייל וואס קלענער דער שאפ איז, אלץ ערגער איז איהם צו קאנטראלירען.

עס וואלט אבער געווען פאלש דער געדאנק צו זאגען, אז בלויז דאס פארזעהן פון דער אדמיניסטראציע, צו קעמפען געגען דעם קליינעם שאפ און די נים נויטיגע סטאפעדזשעס האבען געבראכט צו דער פארשפרייטונג פונ'ם קליינעם שאפ. אויסער דעם האט אויך, ווי בר. זיגמאן האט עס ארויסגעבראכט אין א רעדע וועגען דעם קליינעם שאפ פאר די דזשאבערס באארד דעלעגאטען, פרייטאג דעם 13טען סעפטעמבער, די פאראיינפאכונג פון דער ארבייט, די צוויי סיס-קאפ מיט עמבראידערי, מיט'ן פאר קאלער, — אט דער איינפאכער גארמענט, וואס דארף נים האבען דעם גוטען בעל מלאכה ווי אמאל, האט געבראכט דערצו, אז די ארבייט קען געשיקט ווערען איבעראל. אויך האט א סך צו זאגען, וואס פרויען זיינען אריינגעקומען צו דער ארבייט. פרויען [illegible] זיינען איצט פאראן אין די מאסען אין'ם קלאוק טרייד. אויסער דעם האבען צו דעם צוגעשפילט אינדוסטריעלע און קאמערציעלע באדינגונגען. עס איז געווארען אן אונטערשיד אין דער ארבייט, האט זיך זיגמאן אויסגעשפראכען, אן אונטערשיד ווי פון דעם פערד-און-וואגען ביז אן עלעקטריק טראק.

דאס נאר וואס געזאגטע איז א גרויסער אמת. דאס האט ווירקליך געהאלפען צו דער אנטוויקלונג פונ'ם קליינעם שאפ. מען מוז אבער צו דעם אויך צורעכענען דעם אינסטינקט פונ'ם באלעבאס צו זיין געגען דער יוניאן און וואס וויל זיך נאר רעכענען מיט זיין צייטוויליגען פראפיט, און נים מיט דער פאראנטווארטלייכקייט צו דער גאנצער אינדוסטריע, אבוואהל צו ענדע ליידעט ער אליין שאדען פון דער אומפאראנטווארטליכקייט און פון זיין אומבאגרענעצטער זשעדנעקייט. אויף אזא מין ארט האבען די באלעבאטים פון דאמאלדיגען קאונסיל פיל ביינעטראגען צו דער רואינע פון דער אינדוסטריע.

די באלעבאטים האבען געמאכט פארשידענע טריקס זיך ארויסצודרייען פון פאראנטווארטליכקייט, ווי עס איז אין זייערע איינענע אויגען באוויזען געווארען פאר דעם קאנסיל און קאנסיליאיישאנס אין 1916.

ווען מען פלעגט ארויסרופען א סטרייק ביי א מאנופעקטשורער, וואס האט ארויסגעשיקט די ארבייט אויטסייד, פלעגען טאקע די אויטסיידיגע ארבייטער סטרייקען, אבער אזוי ווי אין אינסייד-שאפ האט מען, לויט דעם אגרימענט נים געטארט סטרייקען, פלעגט דער מאנופעקטשורער מאכען זיין ארבייט אינסייד. די ארבייטער אויטסייד פלעגען מיד ווערען סטרייקענדיג און פלעגען זיך אונטערגעבען.

דער רעזולטאט פון אזעלכע מאנעוורעס מצד די באלעבאטים איז געווען, אז דאס האט אריינגעבראכט נאך מעהר קאנקורענץ צווישען די ארבייטער פונ'ם אינסייד און אויטסייד שאפ. דער קאמף אום דאזיין, דער קאמף פאר'ן עקזיסטענץ האט זיך מורא'דיג גרויס ענטוויקעלט און א דאנק דעם האט זיך דער כאאס אין דער אינדוסטריע געוואלדיג פארשפרייט.

עס איז דאמאלסט באוויזען געווארען, דאס אין דער צייט ווען די יוניאן האט ארויסגערופען דעם דאמאלדיגען סאב־מאנופעקטשורער סטרייק, כדי אפצושאפען די קאנקורענץ פון די אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס, האבען די קאנסיל אסאסיאיישאן באסעס אויפגעמאכט די ארבייט אין די אינסייד שעפער. דאס הייסט, אז די אינסייד שעפער האבען פשוט געסקעבט געגען די אויטסיידיגע. אט די פראקטיק, וואס די באלעבאטים האבען געפיהרט, האט דעם צושטאנד פון דער אינדוסטריע זיכער קיין גוטעס נים געטאן. און איצט איז אריינגעטראטען אזא דעמאראליזאציע אין דער אינדוסטריע, אזא קאנקורענץ, אז די באלעבאטים זעלבסט שרייען שוין, אז די קאנקורענץ איז נים אויסצוהאלטען און זיי וואלטען געוואונשען אז די פארשפרייטע קאנקורענץ און דעמאראליזאציע זאל אויפהערען.

פון דער יוניאנ'ס זייט איז אפגערעדט, די יוניאן מוז איצט זוכען פארשידענע מיטלען און וועגען ווי אריינצוברענגען ארדנונג אין דער אינדוסטריע, אניט וועלען די מיטגלידער אויסשטעהן אומגעהייערע ליידען. און דערפאר האט ברודער זיגמאן געבראכט די פראגע צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און צום דזשאינט באארד און צו אלע אקטיווע אנגעזעהענע מיטגלידער, און מיר ברענגען איצט די פראגע צו דער ברייטער מעמבערשיפ. מיר וועלען די פראגע באלויכטען אין א פאר ארטיקלען און דאס ברענגען צו א דיסקוסיע פון די ברייטע מעמבערשיפ.

אין דער סעמפל מאכער יוניאן, לאקאל 3

פון ד. רובין, סעקרעטאר

ביי דעם לעצטען מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד איז אויפגענומען געווארען די פראגע פון דעם צושטאנד פון אונזער לאקאל יוניאן, אדער בעסער געזאגט, פון דעם פינאנציעלען צושטאנד פון אונזער לאקאל. ווי איהר ווייסט, איז דער לעצטער סיזאן געווען זעהר א שלעכטער. פילע פון אונזערע מיטגלידער האבען אפילו נים אנגעפאנגען ארבייטען און די וועלכע האבען שוין יא געהאט שעפער האבען אויך וועניג פארדינט. די לאגע אין אונזער טרייד האט זיך זעהר שלעכט אפגערופען אויף דעם פינאנציעלען מצב אין אונזער לאקאל. איין זאך האבען מיר אבער יא געזעהן, און דאס איז, אז אין די שעפער וואו עס איז יא געווען א ביסעל ארבייט זאלען אונזערע מיטגלידער זיך אנשטרענגען און באצאהלען זייערע וועכענטליכע דיוס רעגולאר. דאס איז נאך אן איבעריגער באוויז, דאס די מיטגלידער ווילען באצאהלען זייערע דיוס און אויפהאלטען זייער יוניאן, און נים, ווי מען וויל אונז איינרעדען, דאס די יוניאן־מיטגלידער האבען פארלארען יעדען צוטרוי און גלויבען אין דער יוניאן און זיינען נים פאראינטערעסירט און ווילען נים צאהלען קיין דיוס אפילו ווען זיי קענען. עס איז פשוט א שלעכטער סיזאן און זיי קענען נים צאהלען. דאס איז באוויזען געווארען פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען.

דער אמת מאכט אבער נים בעסער דעם פינאנציעלען שטאנד פון אונזער לאקאל. און דערפאר האט זיך אונזער עקזעקוטיוו באארד איבער דער פראגע פארטראכט און וויל זעהן וואס מען קען טאן די לאגע אין אונזער לאקאל צו פארבעסערען אויף וויפיל נאר עס איז מעגליך. די פראגע איז פיל ארומגערעדט געווארען. די גאנצע עקזעקוטיוו באארד האט זיך אין דער פראגע באטייליגט און די ערשטע זאך וואס איז באשלאסען געווארען, אז צו רופען א דזשענעראל מעמבער־מיטינג אויף דעם 25טען אקטאבער אין ברייענט האל און די פראגע דארט מיט אייך, ברידער, ארומרעדען גרינדליך.

דער מיטינג וועט זיין איינער פון די וויכטיגסטע, וואס אונזער לאקאל יוניאן האט ווען געהאט. פון דעם דזשענעראל מעמבער־מיטינג וועט אפהענגען דער ווייטערער גאנג און עקזיסטענץ פון אונזער לאקאל יוניאן. איהר, ברידער, וועט דארפען דעם קומענדען מיטינג מאכען זעהר פאפולער, אזוי, דאס כמעט אלע אונזערע מיטגלידער זאלען אנוועזענד זיין. דארט, ביי דעם מיטינג, וועלען פארגעלעגט ווערען אלע נויטיגע פלענער ווי אזוי מיר קענען פון אונזער לאקאל מאכען דאס, מיט וואס מיר זאלען קענען שטאלץ זיין. אונזער לאקאל מוז זיין א ווירקזאמער לאקאל; א לאקאל, וואס זאל ווירקליך פארטרעטען די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער, אזוי דאס די מיטגלידער זאלען פיהלען די קראפט און נויטווענדיגקייט פון דעם לאקאל אין זייערע שעפער און איבעראל.

און אום דאס דורכצופיהרען מוזען מיר האבען אייער הילף, ברידער. איהר מוזט נים זיין נאכלעסיג און פארשלאפען אין דעם איצטיגען מאמענט. מיר מוזען אויסנוצען יעדע געלעגענהייט דעם לאקאל צו פארזיכערען זיין עקזיסטענץ. מיר מוזען טאן איבער אונזערע קרעפטען, אויב נויטיג, און אוועקשטעלען דעם לאקאל אויף א זיכערען באדען. און דאס קענען טאן נאר א י ה ר, ברידער, און קיין אנדערע.

אמת, דער פארגאנגענער סיזאן איז געווען א שלעכטער און עס האט אייך שלעכט געטראפען, פונקט ווי דעם לאקאל. דאס זאל אבער נים זיין קיין אפהאלט אויף ווייטער עפעס צו טאן צו פארזיכערען און פארבעסערען אייער לאגע אזוי גוט ווי די לאגע פון אייער לאקאל. מיר ערווארטען, דאס די צייטען וועלען זיך זיכער בעסערען, און מיט דעם אויך אייער לאקאל און די גאנצע יוניאן.

מיר פארשטעהען גאנץ גוט אין וואס פאר א שמיטונג איהר, ברידער, געפינט זיך איצט. דערפאר רופען מיר דעם אויבען־דערמאנטען דזשענעראל מעמבער מיטינג אום זיך מיט אייך דורכצורעדען.

מיר וועלען אויך ארויסשיקען בריף צו יעדען פון אונזערע מיטגלידער, דערמאנענדיג איהם וועגען דעם מיטינג. מיר באטראכטען דעם מיטינג פאר זעהר א וויכטיגען און מיר זיינען שטארק פאראינטערעסירט דעם מיטינג צו מאכען פאר א סוקסעס. אזוי, מיינע ברידער, דארפט איהר אויך פיהלען. מיר האפען, דאס איהר וועט דאס גוט געדענקען און מאכען דאס פאר אייער פליכט נים צו פארפעהלען צו זיין ביים נעקסטען דזשענעראל מעמבער מיטינג.

שלום-עליכם קינדער-גארטען

דער שלום-עליכם קינדער-גארטען, וועלכער איז אנגעגאנגען לעצטען ווינטער מיט ערפאלג, און האט ארויסגעהאלפען פרויען, וועלכע דארפען געהן ארבייטען, וועט ווידער געעפענט ווערען מאנטאג, דעם 17טען אקטאבער, אונטער דער אויפזיכט פון מרס. קאהען, וועלכע האט 20 יאהר דערפאהרונג אלס לעהרערין. אחוץ דעם האט די פארוואלטונג צוגעגרייט זעהר א באקוועמע דירה פאר די קליינווארג. א הויף מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען, מאמעס וועלען קענען רוהיג זיצען ביי דער ארבייט מיט'ן באוואוסטזיין, אז זייערע קינדער זיינען באזארגט מיט אלעס וואס קינדער פארלאנגען.

קינדער פון 3—6 יאהר ווערען אריינגענומען. פאר אלע [illegible] אינפארמאציע פרעגט אויפ'ן טעלעפאן: קילפאטריק 4043, פון 1 ביז 3, מרס. [illegible]

די „פרייהייט" סטרייקט אין שיקאגא.

(שלום פון שיקאגא'ר פיורזש)

ווייל די יוניאן האט זיך באלד דער־וואוסט וועגען דעם דורך דעם שאפ־טשערמאן פון די פרעסער, בר. סודין, און די יוניאן האט באלד געלאזט וויסען דער פירמע אז אויב מען וועט מארגען ארבייטען, דארפען די ארבייטער קריגען באצאהלט טאים ענד עי האף, און אויב נים, טאר מען נים ארבייטען. אזוי ווי קירשבאום איז אין שטאדט נים געווען, האט די פירמע נים געוואלט נעמען אויף זיך די פראגע וועגען באצאהלען ווי די יוניאן האט פארלאנגט, דארום האבען זיי בעסער איינגעשטימט אז מען זאל דעם שבת אינגאנצען נים ארבייטען, טראץ דעם וואס אזא גרויסער מענש, ווי לע־ווין, האט ערלויבט.

דיזע האנדלונג פון לעווין, און די שטעלונג פון דער יוניאן האט געעפענט די אויגען ביי א סך לינקע סימפאטיי־זער פון יענעם שאפ, און זיי זיינען גע־קומען גלייך אין יוניאן אריין צו ווערען גוטשטעהענד.

אזוי האט געפלאצט א רעוואלוציאנע־רער פלאן, נעבאך!

אין אלע אנדערע שעפער, וואו די ארבייטער האבען געארבייט שבת אהן אווערטאים, האבען דורך דער וואך גע־קראגען באצאהלט טאים ענד עי האף.

פון דער מעשה זעהט מען גאנץ קלאר ווער עס וויל געבען און נים קאנצעסיעס צו די באלעבאטים — די יוניאן, צי די סקעב־קלייזעל.

* * *

ווי ווייט ליגנעריש און פארעטעריש עס זיינען די לינקע פארלוימדונגען ווע־גען דער יוניאן, קאן אויך דינען דער פאלגענדער פאקט. אין די אלע שעפער, וואו די יוניאן קאנטראלירט, האבען די ארבייטער געקראגען באצאהלט פאר לייבאר דעי און אין איינינגע פלעצער, וואו די ארבייטער האבען נים געקראגען, האט די יוניאן אויפגעמאנט. געפינען זיך דא אבער צוויי שאפּקעס, איינער מאקס פע־דער און דער צווייטער פאלקאף. אין דיזע צוויי שעפער האבען זיך צוזאמענ־געקליבען די גאנצע ביסעל פאר'עקשנ'טע בלינדע נאכשלעפער פון לינקיזם, און דעריבער האבען נאך די „רעוואלוציאנע־רע" אגענטען אן אייגענטים אהין. איז וואס זעהען מיר דארטען, אז מיט דער צושטימונג פון די „רעוואלוציאנערע" אגענטען האבען די צוויי באלעבאטים נים נאר נים באצאהלט פאר לייבאר־דעי, נאר אויך נים פאר דעקארעישאן דעי און פאר דעם פערטען דזשולאי! און אזעל־כע פארשוינען האבען נאך חוצפה צו זאגען, אז מיר גיבען קאנצעסיעס!

* * *

פארבייגעהענדיג וויל איך מאקע זא־גען, אז די יוניאן האט אנגעפאנגען פארהאנדלונגען מיט די אויבען דער־מאנטע צוויי באלעבאטים.

אויך געהט אן א ווירקזאמער אויפ־קלערונגס־קאמפיין פאר די ארבייטער, וואס געפינען זיך דארטען, און עס איז צו האפען, אז עס וועט נים נעמען לאנג און די ארבייטער וועלען דערזעהן, אז נאר די יוניאן איז די איינציגע וואס קען און וויל פארטיידיגען זייערע אינ־טערעסען!

לאקאל 38 געמופט אין נייע העדקוואטערס

דער קאסטאם לוידיס טיילאר און דרעסמאכער לאקאל 38 מאכט אויפמערק־זאם אז זי האט איצט געמופט אין נייע העדקוואטערס, אין 107 וועסט 46טע סט.

די מעמבערס זיינען געבעטען אז אלע קאמפליינטס און אינפארמציעס זאלען געבראכט ווערען אין די נייע אנגעגעבענע העדקוואדערס.

דער נייער טעלעפאן נומער איז: ברייענט 6766.

דער רעפארטער שטעלט אפּ דעם סיילסמאן.

— וואספאר סיגארעט גלויבסטו אס בעס־טען?

— מיוראד, — זאגט דער סיילסמאן.

— ווארום? — פרעגט דער רעפארטער.

— פארשטעהסטו מיך, ווי אלע סיילס־לייט, האב איך צו זיצען און ווארטען ביז וואנען איך קען זעהן א קאסטאמער. איך פלעג פון דעם אימער לוידען — ביז וואנען איך האב אויסגעפונען ווי א מיוראד קען בארוהיגען די נערוועו. איצט בין איך שוין נים מעהר אומגעדולדיג; אזוי לאנג ווי איך קען סמאוקען א מיוראד, לויפט שוין די צייט שנעל פארביי.

*)

די אידישע אגרי־קולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויס־קונפט וועגען פארמערי, און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

נים קיינע רעמאוויטם אייער איהר בארעט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און הילף איז אבסאלוט פריי.

שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5 זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St., New York City

סקווירטמאכער

מעמבערס פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

א רעגעלער מיטינג

פון די סקווירטמאכער וועט אפגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג אוו., 20טען אקטאבער, 7 אוהר

אין 231 איסט 14טע סטריט, אויפ'ן 5טען פלאר

וויכטיגע לאקאלע פראגען וועלען אויפגענומען ווערען.

יעדער מעמבער מוז אנוועזענד זיין.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

מ. קאנסקי, טשערמאן.

קויפט שיך מיט דעם יוניאן שטעמפעל

מיר ווענדען זיך צו אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזיר־טער ארבייטערשאפט צו קויפען שיך וועלכע האבען דעם שטעמפעל פון אונזער יוניאן אויף דעם זויל, אינוויינינ־סטער זויל, אדער אויף דעם לייניננ פון שוך. מיר בעטען אייך נים צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אט דעם יוניאן שטעמפעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

BOOT & SHOE WORKERS UNION — UNION STAMP — Factory

בוט און שוה ווארקערס יוניאן

אפיליאייטעד מיט דער אמעריקאן פעדערייש‏אן אוו לייבאר

246 סאמער סטריט, באסטאן, מאסס.

קאלים לאוולי — טשארלס ל. בעין

גענעראל־פרעזידענט — גענעראל סעקרעטאר־טרעזש.

הארלעם באנק און קאמערס

2118 — 2טע עוועניו, ניו יארק

טעלעפאן לעהיי 8-2-1-3800.

ברענטש: 431 — 3טע עוו., נ. י.

טעלעפאן לעקסינגטאן 8055

די ארבייטער באנק פאר'ן ארבייטער

אלע בענקינג אפעראציעס

4½%

מאני ארדערס, קרעדיט־בריוו, דראפטס, שיפס־קארטען, נאטארי פאבליק, סייף־דעפאזיט וואלטס

אנגעשלאסען אן דער

אטלאנטיק סטייט באנק

594 אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין.

ברענטשעס: 182 גרייהעם עוו., ברוקלין.

108טע סט. קאר. 1טע עוועניו, נ. י.

פרעסער פון קלאוקס

זאגט אן אייערע באסעס אז דער פייער דעפארטמענט האט געמאכט א געזעץ, דאס קיין ווייער־ברעטלאך טאר נים ווערען צוגעשלאגען אויף האליץ אדער אנדערע ברענענדע שטאפען. עס מוז זיין דורכאויס פייער־פרוף.

מיר האבען אויפגעפיקסט אונזערע ווייער־ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט פלאש און בעליוווייע ריכטיג נאך דעם פארלאנג פון דעם פייער דעפארטמענט. אויב איהר האט אין שאפ די אלטע סטיילס, וועלכע זיינען צוגעשלאגען אויף האליץ, קענען מיר עס פאר אייך פיקסען נאך דעם נייעם געזעץ און איהר וועט נים האבען קיין טראבעל פון קיינע אינספעקטארס.

מיר פארקויפען אויך סטימערס נאך די נייע רולס פון דעם לייבאר־דעפארטמענט.

מיר האבען אויך די בעסטע פינקינג מאשינס אין מארקעט.

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני

321 פינפטע עוועניו, ניו יארק, טעלעפאן אשלאנד 6650 און 6651

קאנטרי ארדערס ריכטיג אטענדעט.

דער

ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00

מיטגלידער — 83,000

ברענטשעס — 740

דער ארב. רינג שיצט זיך דען וויכטיגען עקאנאמי־שען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קול־טור צענטער אין דער אידי־שער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידי־שער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאר־יום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען ארייגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערוייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול פיינט א בעלדיגע שטעלע און גוטע וויידזשעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באזונדערע לעקטשורס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אוב איהר זאלט אלעס פארשטעהן.

די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.

מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן שטאנדאג אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

פריוואטע לעקציעס, פיטער און פרייזען.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.

שרייבט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

קאמוניסטישע באבע מעשות וועגען פרעז. זיגמאנ'ס „רייכטימער" פלאצען ביים טרייל

(שלוס פון זייט 1)

סטען באווייזן געגען פרעזידענט זיגמאנען
און זיינען געצוואונגען זיך בלויז צו
טשעפען זיך צו פרעזידענט זיגמאנ'ס דא-
קומענטען, וואס ער האט צוגעשטעלט
דעם קאורט כדי אין פולען צו באווייזען
דעם פארברעכען פון זיינע קאמוניסטישע
פארלוימדער.

פרעזידענט זיגמאן האט צוגעשטעלט
דעם קאורט דעם „ריער" פון געקויפטען
פארם, וואס באווייזט שווארץ אויף
ווייס דעם ווערט פון זיין פלאץ און פון
די בילדינגס אין סטארם לייק, אייאווא
סטייט. בר. זיגמאן האט אויך צוגע-
שטעלט די דידס, וועלכע ווייזען ווי אזוי
זיינע ברידער זיינען ארויסגעטראטען
פון שותפות און פאר זייער טייל באקומען
אויסגעצאלט עטוואס איבער 3 טויזענט
דאלאר. וואס פאר נארישע ברידער
פרעז. זיגמאן האט, דאס פאר א ווערט
וואס האט אויף זייער חלק באטראפען
„75 טויזענט דאלאר" האבען זיי פאר-
קויפט פאר נעבאכדיגע 3 טויזענטער ?!

אזוי ווי די קאמוניסטישע לאיערס
האבען נים נעהאט קיין איינציגען בא-
ווייז געגען זיגמאנ'ען, זיינען זיי גע-
קראכען אויף גלייכע וועגס, און אזש
אריינגעבראכט דעם לעצטען סטרייק אין
טרייל אריין, און דער קאמוניסטישער
לאיער בראדסקי האט מיט א דראמאטי-
שען אנשטעל זיך געווענדעט צו זיג-
מאנ'ען:

„מר. זיגמאן, איז עס נים א פאקט,
אז איהר האט געהאלפען פיהרען דעם
סטרייק און אז איהר האט פארראטען
דעם סטרייק ?"

פרעזידענט זיגמאן האט אויף דעם
גאנץ געלאסען געענטפערט: „ניין". ער
האט געזאגט, אז ער איז גרייט צו ער-
קלערען, וואס די אמת'ע לאגע אין סטרייק
איז געווען, אויב דאס געריכט וועט איהם
ערלויבען. דער לאיער בראדסקי האט
אבער געוואלט, אז ער זאל ענטפערען
בלויז יע אדער ניין און מאכען זיינע ער-
קלערונגען שפעטער, ווען פרעזידענט זיג-
מאנ'ס איינענער לאיער וועט שטעלען
פראגען.

די געלעגענהייט איז געקומען צום סוף
פון פארהער נעכטען. פרעזידענט זיג-
מאנ'ס לאיער, סעמועל מארקאוויטש,
האט געשטעלט זיין ערשטע פראגע ווי
פאלגט:

„מר. זיגמאן, דערצעהלט דעם געריכט
וואס עס האט פאסירט אין דעם סטרייק
און פארוואס די אינטערנעשאנעל האט
סוספענדירט די געוועזענע באאמטע ?"

לאיער בראדסקי איז גלייך אויפגע-
שפרונגען און האט געפאדערט אז
דזשאדזש בראדסקי זאל פאר קיין פאל
נים ערלויבען פרעזידענט זיגמאן צו ענט-
פערען די פראגע. דזשאדזש בראדסקי
האט געפרעגט דעם קאורט סטענאגראפער
צי דער לאיער פון די קאמוניסטען האט
געשטעלט עהנליכע פראגען צו פרעזידענט
זיגמאן. דער סטענאגראפער האט ער-
קלערט, אז אזעלכע פראגען האט לאיער
בראדסקי יע געשטעלט. דזשאדזש בראד-
סקי האט דאן געאורטיילט, אז פרעזידענט
זיגמאן זאל פארטזעצען מיט זיין ערקלע-
רונג וועגען דער סטרייק פיהרערשאפט.

פרעזידענט זיגמאן האט אויף א אויס-
פיהרליכען אופן געשילדערט די פאררעטע-
רישע פיהרונג פון לעצטען גענעראל
סטרייק, וואס האט געפיהרט צו דער סוס-
פענדירונג פון די קאמוניסטישע סקעב-
אגענטען, וואס עס איז אייגענטליך און-
זער'ע לעזער שוין צו גוט באקאנט.

פון זייערע אלע פארלוימדונגען, וואס
די קאמוניסטען האבען אין זייערע בלעט-
לאך פארעפענטליכט געגען פרעזידענט
זיגמאן, האבען זייערע לאיערס זיך גע-
שעמט צו מאכען א געברויך, און האבען
אין קאורט בלויז געבראכט דעם אדווער-
טייזמענט פון זיגמאנ'ס פארם.

אזוי ווי די קאמוניסטען שעמען זיך צו
קומען אין קאורט מיט זייערע אויסגע-
טראכטע פארלוימדונגען, האבען זיי פרו-
בירט צו פעלשען זיגמאנ'ס דאקומענטען,
און עס איז זעהר אינטערעסאנט איבער-
צוגעבען פאר אונזערע לעזער די נידער-
טרעכטיגע פעלשונגען, וואס די קאמוניס-
טען זיינען באגאנגען אום צו פארלוימדען
פרעזידענט זיגמאן. זייער צייטונג האט
אפגעדרוקט א דאקומענט, וואס
איז כלומרשט געקומען פון דעם אסעס-
מענט אפיס אין אייאווא. זיי האבען זא-
גאר געהאט געדרוקט אן אונטערשריפט
פון דעם אסעסאר, אבער סיי די ציפערען
און סיי דער אונטערשריפט זיינען געווען
געפעלשטע אין דער צייטונג. צום ביי-
שפיל, אויף דעם אפיציעלען טעקס-ביל גע-
פינט זיך אזא ציפער: זיבען לאטס. פון
א געוויסען אפטיילונג לאנד ווערען צוזא-
מען געשאצט, אז זיי זיינען ווערט אכט
הונדערט דאלאר. אויף דעם ביל שטעהט
משמע, אז דער אייגענטימער דארף בא-
צאהלען טעקסעס פאר אכט הונדערט דא-
לאר פאר דעם גאנצען שטיק לאנד. די
קאמוניסטען האבען אבער אפגעטאן אזא
[illegible]: אנשטאט צו שרייבען אכט
הונדערט דאלאר פאר אלע לאטס, האבען
זיי געפעלשט דעם דאקומענט און געזאגט,
אז יעדער לאט באזונדער באטרעפט אכט
הונדערט דאלאר. צוזאמען: פינף טויזענד
זעקס הונדערט דאלאר (5,600). אזוי
האבען זיי געטאן מיט פילע ציפערען, און
לויט זייערע געפעלשטע דאקומענטען
קומט אויס, אז פרעזידענט זיגמאן'ס זו-
מער-פלאץ, וועלכען ער וויל שוין לאנג
פארקויפען פאר א קליינער סומע געלד,
איז ווערטה 24 טויזענט דאלאר, און ווער
ווייס וויפיל נאך, לויט דער קאמוניסטי-
שער אפשאצונג.

מיט זייער פארצווייפעלטען פארטיי-
דיגונגס קאמף געגען זייערע אייגענע
פארלוימדונגען האבען זייערע לאיערס
נים איין מאל ארויסגערופען א געלעכ-
טער. די לעכערליכקייט האט אבער דער-
גרייכט דעם הויך-פונקט ווען לאיער
בראדסקי פון די קאמוניסטען האט גע-
פרעגט זיגמאנ'ען צי עס איז אמת, אז
דער „פארווערטס" האט איהם געגעבען 60
טויזענט דאלאר פאר דעם טרייל ? זיג-
מאן האט זיך, נאטירליך, אויסגעלאכט
דערפון און דער דזשאדזש האט דיזע
לעכערליכע פראגע אויסגעשלאסען פון
די פארהאנדלונגען.

דער טרייעל וועט ווייטער פארקומען
אין ריכטער בראדסקי'ס קאורט נעקסטען
מאנטאג, אקטאבער 17.

יוניאן פיהרערשאפט איינשטימיג מיט פרעז. זיגמאן אז דער קליינער שאפ מוז געהן

(שלוס פון זייט 1)

אז מען זאל אפילו מאכען געוויסע קאנ-
צעסיעס צו די באלעבאטים, כדי דער
גרויסער שאפ זאל צוריק ארייננקומען אין
טרייד. לויט זייער מיינונג וואלט אפילו
דאס אויך געלוינט, ווייל אין לעצטען סך
הכל וואלטען די ארבייטער אין גרויסע
שעפער געמאכט א בעסערען און שענ-
נערען לעבען ווי אין די קליינע שעפער
זאגאר ווען מען גיט די גרויסע שעפער
געוויסע קאנצעסיעס.

יעדענפאלס איז געווען אלעמענס מיי-
נונג, אז מען מוז גלייך אנהויבען א גרוי-
סען קעמפיין געגען דעם קליינעם שאפ,
ווייל ער גראבט וואס ווייטער אלץ מעהר
אונטער דעם סטאנדארד פון די ארבייטס-
באדינגונגען. אייניגע האבען זיך אויס-
געדריקט, אז א קאמיטע פון דער יוניאן
צוזאמען מיט די באלעבאטים זאלען אר-
בייטען געמיינשאפטליך אויף אזא פלאן,
וואס זאל ווי אם שנעלסטען צוריקברענ-
גען דעם גרויסען שאפ.

מעגען דאס די לצים רופען „קלעס-
קאלעבארישאן". אבער אזוי לאנג ווי
דאס וועט ברענגען נוצען די ארבייטער;
אזוי לאנג ווי זיי וועלען דורך דעם פאר-
בעסערען זייער לאגע, וועט זיך די מאסע
קלאוקמאכער ווייניג אפשרעקען פאר די
אלע צונעמענישען ווי „קלעס קאלעבא-
רישאן" א. אז. וו.

דזש. באָרד נעמט באלדיגע עקשאָן געגען פירמעס וואס פארלעצען יוניאן אגרימענטס

(שלוס פון זייט 1)

אויפ'ן פלאץ און זי שטערט דעם שעה-
נעם חלום. א ביישפיל האט די יוניאן
געוויזען לעצטע וואך מיט די פירמעס
פון ה. זיידענבערג און קאמפ., פון 134
וועסט 37טע סטריט, און ליפטשאנסקי
בראס., פון 253 וועסט 35טע סט., און
אויך מיט דער באקאנטער קליפשטיין
פירמע.

די זיידענבערג פירמע האט א לאנגע
צייט פארלעצט דעם אגרימענט מיט דער
יוניאן. די פירמע האט אין שאפ נים
געטיילט גלייך די ארבייט צווישען די
פרעסערס און אין דער צייט, וואס
אינסייד ארבייטער זיינען ארומגעגאנ-
גען אהן ארבייט, האט די פירמע ארויס-
געשיקט ארבייט אוטסייד. זי האט אויך
געמאכט א פארזוך פטור צו ווערען פון
די ארבייטער פון שאפ דערפאר וואס
זיי האבען אינפארמירט אין דער יו-
ניאן וועגען די אומגערעכטיגקייטען אין
שאפ, וואס די באלעבאטים באגעהען גע-
גען זיי מיט דעם נים צוטיילען גלייך
די ארבייט.

ביים אויסשליסען די ארבייטער פון
דעם שאפ, האט די פירמע דערצעהלט
א תירוץ, אז זי גיט אויף די ביזנעס.
אבער די יוניאן פארשטעהט דעם טריק
און האט זיך נים געלאזט נארען און
וועט איצט דורך א סטרייק צווינגען די
באלעבאטים אנצושטעלען צוריק די אר-
בייטער און איינשטעלען יוניאן קאנדי-
שאנס, אזוי ווי עס דארף זיין אין א יו-
ניאן שאפ.

אין דעם שאפ פון ליפטשאנסקי ברא.
איז געווען אן עהנליכע געשיכטע. די
פירמע האט נים באצאהלט פאר לייבאר
דעי און האט פארקלענערט די ארביי-
טער'ס וויידזשעס. די פירמע באלאנגט
צו דער אמעריקאן אסאסיאיישאן און
די יוניאן האט זיך געפיהרט לויט דער
געזעצליכער פראצעדור, האט פארקלאגט
די פירמע צו דער אסאסיאיישאן. און די
אסאסיאיישאן האט ערקלערט דער פיר-
מע אז די יוניאן האט רעכט און אז זי
מוז נאכגעבען דעם פארלאנג פון דער
יוניאן, אבער די קאמפאני באלעבאטים
זיינען געווען חוצפה'דיג און האבען זיך
ענטזאגט אפילו צו פאלגען זייער אייגע-
נע אסאסיאיישאן. האט די יוניאן דע-
ריבער אויך אין דעם שאפ גערופען א
סטרייק.

מיט דער קליפשטיין פירמע איז ווי-
דער א מעשה, וואס זי שיקט ארויס
ארבייט אויטסייד. מיט דער פירמע
האט די יוניאן געהאט אלע מאל צו
טאן פאר וועלען זיך אויסדרעהען פון
יוניאן קאנדישאנס. איינמאל, מיט א
צייט צוריק בעפאר יענעם סיזאן, האט
די פירמע זיך איינגעשפארט אז זי וויל
רעארגאניזירען דעם שאפ, האט די יו-
ניאן דאס ענטזאגט. דערנאך האט מיט
א צייט שפעטער די יוניאן געהאט אן
אנדער טראבעל מיט דער פירמע, און
די יוניאן האט געוואונען. דאס האט,
ווייזט אויס, געווירקט אויף דעם באלע-
באס און ער האט געווארט ביז ס'וועט
ווערען אביסעל סלעק כדי ווידער אנצוהוי-
בען פראווען שטיק, און האט איצט דעם
טעראנק געפרובירט פארווירקליכען. די
יוניאן האט אויך אין דער פירמע, אזוי
ווי אין די אויבענדערמאנטע פירמעס,
גענומען באלדיגע אקציע.

די פירמע פריישטאט מאנופעקטשו-
רינג קא., 308 וועסט 37טע סט., האט
זיך אנטזאגט צו באצאהלען די ארבייטער
פאר לייבאר דעי, און דערפאר זיינען די
ארבייטער ארויס אין סטרייק. דער
סטרייק איז אבער שנעל געסעטעלט גע-
ווארען און די ארבייטער האבען באקו-
מען באצאהלט פאר'ן טאג.

דער ביישפיל פון די סטרייקענדע
פירמעס באווייזט, אז די יוניאן וועט נים
לאזען די באלעבאטים אויסנוצען די
סלעק צייט און מאכען א תל פון די יו-
ניאן באדינגונגען. די מיטגלידער זיי-
נען דעריבער אויפגעפאדערט צו מאכען
אירגענד וועלכען קאמפליינט וואס זיי
פיהלען אז עס מוז געמאכט ווערען.

מיליאָנען מענשען

פארמיידען קראנקהיים פון זייערע הייזער דורך דעם
צייטיגען געברויך פון

עקס-לאקס

דער באריהמטער מאגען רעגולירער

אויב איהר זייט נים איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט
אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס-לאקס, וואס עקס-לאקס בא-
דייט. איהר דארפט זיי לאנג נים זוכען, איהר קענט זיי געפינען אויף
יעדער שריט און טריט. אויפ'ן גאס, אין שאפ, אין סקול, אין טעאטער,
אדער וואו איהר וועט זיך נאר קעהרען און ווענדען קענט איהר געפי-
נען עקס-לאקס געברויכער, וואס וועלען אייך דערצעהלען וואס פאר
א וואונדערבארער מיטעל עקס-לאקס איז פאר'ן מאגען.

אלע פראגרעסיווע. דראגיסטען פארקויפען עקס-לאקס
אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

נעהערט און געזעהן

(שלוס פון שיקאגא'ער פיידוש)

און האב ביי זיך באשלאסען מארגען זיך
ארויסצוכאפען אין דעם אלטען יוניאן
אפיס זעהן וואס דארטען טוט זיך.

און ווי איבערראשט בין איך געווא-
רען זעהענדיג דארטען, ווי עס לעבט
דארטען גאר ווי אין די אלטע צייטען.
דאס איז געווען באלד נאך דער ארבייט.
דער האל איז געווען פול מיט קלאוק
מאכער, און מען שטעהט אין ליין צו
צאהלען דיוס. און דא האב איך טאקע
געטראפען דעם ריכטיגען קלאוק מאכער,
וועלכער פיהלט א פאראנטווארטליכקייט
צו זיך און צו זיין פאמיליע, און וועלכער
איז גראה און אלט געווארען אין דער
יוניאן. און דאן ערשט האב איך א
טראכט געטאן: אה, וואס פאר א
חברה בלאפערס „יענע" זיינען דאס, אז
אפילו איך (ער האלט זיך פאר א חכם)
האב זיך געלאזט פון זיי נארען.

ער וויל שלום.

ארום א גרופע, אין א קארנער,
שטעהט ער און „דעליווערט א ספיטש":
נו, טאקע, ווי לאנג וועט דאס אזוי זיין ?
אלל-ראיט, א מענש קען דאך אמאל מא-
כען א מיסטייק, נו, האבען די לינקע גע-
מאכט א טעות. אמת, זיי האבען נים
געדארפט עפענען א באזונדער אפיס און
פעדלען מיט דער יוניאן צווישען די בעל
הבתים. זיי זעהען שוין אליין — אמת,
זיי ווילען נים צוגעבען — אז די מעמ-
בערשיפ איז געגען זיי, און דאס זיי
ווערען ביי קיינעם נים אנערקענט. אבער
די רעכטע, האבענדיג די מאכט און
קאנטראל איבער דער יוניאן, האבען גע-
דארפט יעצט איינרופען א מאס-מיטינג
און שליסען א שלום"... און איידער ער
ענדיגט נאך זיין „ספיטש", כאפט זיך
ארויס א צווייטער (קענטיג אז ער איז
גוט באקאנט מיט אלעם וואס עס קומט
יעצט פאר אין דער יוניאן) און שרייט
אויס: וואס פאר א שלום ! ווען שלום !
האט דען די יוניאן ערקלערט אימיצען
קריג ? — אויב די דזשענ. עקז. האט
ביי איהר לעצטען פארהער דא אין שי-
קאגא גערולט, דאס אלע וועלכע ווילען
לויפען פאר אן אמט אי ןדער יוניאן, מו-
זען בעפאר סיינען א פלעדזש דאס מען
איז א לאיאלער מעמבער צו דער איינ-
טערנעשאנעל, און מען וועט נים שטיצען
קיינע ארגאניזאציעס, וועלכע ווילען צו-
ברעכען די אינטערנעשאנעל, — נו, סא
וואו איז דאס דער פארברעכען וואס די
דזשענ. עקז. איז באגאנגען ? עס איז
דאך געווען בלויז מיט'ן געדאנק צו פאר-
היטען אונזער יוניאן פון שונאים, וועלכע
זוכען איר צוצוברעכען, און די דזשענ.
עקזעק.. אלס די העכסטע אינסטאנץ,
האט געהאט א קאנסטיטוציאנעלע רעכט
אזוי צו האנדלען, ווייל זי איז די פער-
פערשאפט, וואס דארף אכטונג געבען אז
קיינע שונאים — אדער אוטסיידער —
זאלען נים רולען אונזער יוניאן. אי וואס
„יענע חברה" האבען אויף דער עצה פון
זייער פארטיי נים געוואלט סיינען אזא
פלעדזש און האבען גערעכנט אז זיי וועט
געלינגען קריגען די מעמבערס אויף זייער
זייט, נו, האבען זיי זיך אפגענארט אין
חשבון ! דארף מען מיט זיי שליסען
שלום ? נארישקייט. אויב זיי זיינען
באמת פאראינטערעסירט אין דעם וואהל
און בעסט פון דער יוניאן, זאלען זיי
אויפגעבען זייער קרעמל, אנערקענען זייער
מיסטייק, און קומען צו דער יוניאן —
נים דינען קיין פאליטישע פארטיי און
נעמען פון דארטען ארדערס — נאר מא-
כע ארבייטען אין דער יוניאן פאר די
עקאנאמישע אינטערעסען פון די ארביי-
טער, און כל זמן זיי טוען דאס נים,
אנערקענען מיר זיי פאר שונאים. און
אלס אזעלכע וועלען מיר זיי טריטען.

ווען ער האט געענדיגט. זיין רעדע,
האט מען געקענט באמערקען אויף די
צושויער, דאס זיי שטימען איין מיט זיי-
נע מיינונגען, און דער „שלום רעדנער"
האט, ווי פארשעמט, ארויסגעלאזט די
קאפ, און ווי איינער זאגט — ער איז
דאס טאקע גערעכט:—וואס שלום, ווען
שלום ! ?

ער איז געגען דער דיקטאטור פון די גרויסע לאקאלען.

(שלוס פון זייט 8)

טריידס אין דער קלאוק און דרעס אינ-
דוסטריע אין איין לאקאל ? זיי דארפען
האבען נים אזוי פיל דעלעגאטען ווי יע-
דער לאקאל, נאר פראפארציאנעל פון יע-
דען טרייד.

דעריבער וויל איך זאגען צו די אר-
בייטער, וואס וועלען געהן שטימען פאר
פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט, אז
זיי זאלען האבען אין זינען דאס ווי גרויס
אונזער לאקאל פאטריאטיזם זאל נים זיין
קענען מיר מיט אונזער לאקאל פאטריא-
טיזם נאר נים אויפטאן פאר אונזער לא-
קאל, ווען איין טייל פון פאך וועט זיין
אונטערווארפען אונטער דער דיקטאטור
פון אן אנדער פאך פון דער אינדוסטריע.

ה. וויינער,
מעמבער ל. 35, ל. 269.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.) אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 42 | New York, Friday, October 21, 1927 | פרייטאג, 21טער אקטאבער, 1927 | PRICE 3 CENTS

קלאוק דזשאבערס פארפליכטען זיך ווידער ניט צו שיקען ארבייט צו סקעב קאנטראקטארס

ניט־יוניאן שעפער זיינען ניט בארעכטיגט צו יוניאן ארבייט, איז באשלוס פון קאנפערענץ פון דזשאבערס און די יוניאן. — א געמיינשאפטליכע קאמיטע ערוועהלט אכטונג צו געבען, אז דזשאבערס זאלען סטריקטלי דורכפיהרען דיזען באשלוס.

מען זאגט א ווערטעל, אז א וואלף ציהט צוריק אין וואלד אריין. אויף אייניגע באלעבאטים קען דער ווערטעל גילטען זעהר אפט, און מיר האבען עס שוין פילע מאל אנגעגעבען אין „גערעכטיגקייט" וועגען קאנפערענצען צווישען דער יוניאן און די פארשידענע אסאסיאיישאנס פון קלאוק און דרעס באלעבאטים, וואו עס איז ארומגערעדט געווארען די פראגע פון עטאבלירען די אינדוסטריע צו זיין מעהר פאראנטווארטליך, און אפצושאפען דעם הערשענדען כאאס און דעם אומגעהויערען האלז־שניידענדען קאנקורענץ.

די באלעבאטים זעלבסט, האבען דורך פארשידענע געלעגענהייטען אויף די קאנפערענצען, און פריערדיגע קאנפערענצען, געגעבען זייער איינשטימיגקייט צו העלפען אפצווישען דעם איבעל, וועלכער שאפט קאנקורענץ. זיי האבען דורך זייער איינשטימיגקייט פילע מאל געוואלט באווייזען דער יוניאן, אז פאראנטווארטליכקייט צו דער אינדוסטריע מוז איינגעשטעלט ווערען, און זיי מוזען אין דעם זינען געהן האנט אין האנט מיט דער יוניאן צו פארניכטען דעם סקעב שאפ, ווייל דער סקעב שאפ בריינגט דער אינדוסטרי צו א רואין.

אבער אייניגע באלעבאטים האבען א קורצען זכרון, ווען עס קומט צו פאראנטווארטליכקייט אין דער אינדוסטריע. דער באסישער אינסטינקט דערלאזט זיי ניט צו פאראנטווארטליכקייט. כאטש עס איז שוין פילע מאל באשלאסען געווארען, אז עס זאל ניט ארויסגעגעבען ווערען קיין ארבייט צו ניט־יוניאן קאנטראקטארס, דאך, ווען עס איז געקומען צו דער פראקטיקע, האבען זיך אייניגע דזשאבערס געטרייעט אויסצודרייען זיך פון זייער איינענעם באשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען אויף די פילע קאנפערענצע צווישען דער יוניאן און זיי זעלבסט.

די יוניאן איז געווען אויף דער וואך, האט נאכגעוואטשט יעדען שריט וואס די באלעבאטים האבען געמאכט, און די אונטערזוכונג פון די ביכער וואס איז געמאכט געווארען די לעצטע צייט איז געווען צוליב דעם, אויסצוגעפינען ווי ווייט די באלעבאטים זיינען פאראנטווארטליך צו זייערע אייגענע באשלוסען, און צו מאכען א סוף צו דעם סארט הפקרות וואס האט געהערשט ביז איצט, און אלע צייטען, א דאנק דעם וואס פילע באלעבאטים האלטען ניט זעהר פון דעם נויטיגען ווארט — פאראנטווארטליכקייט.

די אונטערזוכונג האט באוויזען, אז יוניאן דזשאבערס האבען טאקע ארויסגעגעבען ארבייט צו ניט־יוניאן קאנטראקטארס, און צוליב דעם האט מר. אינגערסאל, דער אומפארטייאישער טשערמאן, אויף דעם פארלאנג פון דער יוניאן, צוזאמענגערופען לעצטע וואך א קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און די דזשאבערס וועגען אפהיטען דעם אגרימענט וואס די באלעבאטים האבען אליין אונטערגעשריבען.

די יוניאן איז געווען פארטראטען דורך דזשענעראל מענעדזשער האכמאן, טשערמאן פון דזשאינט באארד קאפלאן,

(שלוס אויף זייט 11)

דער שיינער יוניטי באל וועט זיין אין מאנהעטען אפערא הויז

שבת אבענט, דעם 10טען דעצעמבער. פאול וווהייטמאן'ס ארקעסטרא וועט שפילען.

די טויזענדע פריינט וואס די יוניטי הויז האט זיך ערווארבען אין די ניין יאהר פון איהר עקזיסטענץ גרייטען זיך שוין מיט אומגעדולד צו דעם שעהנעם און גרויסען „יוניטי־רייוניאן" באלל, שבת ביינאכט, דעם 10טען דעצעמבער, אין גרויסען און פרעכטיגען מאנהעטען אפערא הויז.

סיי טענצער, און סיי פשוט'ע בשר ודם'ס וועלען זיכער דערפרעהען זיך ווען זיי וועלען זיך דערוויסען אז דער בארימטער פאול וויהיטמאן'ס פיקאדילי ארקעסטער וועט שפילען אויף דעם באלל. די גאנצע אונטערנעמונג ווערט ארראנזשירט אויף א פרעכטיגען שטייגער, צו וועלכען אלע יוניטי באזוכער און פריינט זיינען שוין פון אימער צוגעוואוינט. די קאמיטע באדויערט בלויז וואס זי האט ניט געקענט קריגען א האל וואס זאל קענען אמווייניגסטען ארייננעמען א צעהן טויזענד מענשען.

די וואס קלייבען זיך צו דער אונטערנעמונג, זאלען זיך טאקע גלייך באזארגען מיט טיקעטס. א בילעט קאסט בלויז א דאלאר, שוין צוזאמען מיט העט־טשעק. טיקעטס קען מען שוין באקומען אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט, 4טען פלאר.

געדענקט־זשע, — שבת, דעם 10טען דעצעמבער, אויף דעם „יוניטי רייוניאן" באל!

קאמוניסטישע פוילע תירוצים ברעכען צוזאמען אויף פרעזידענט זיגמאן'ס „לייבעל" פראצעס

איינצעלהייטען פון דעם אומגליקליכען קלאוקמאכער סטרייק ארויסגעבראכט אויף דעם פארהער. — סטרייק איז געווען אונלעגאל און ניט טרייד־יוניאן־מעסיג. — „קלאס קאלעבאריישאן" מיט ארנאלד ראטשטיין איז סטריקטלי „כשר" און די גאווערנאר'ס קאמישאן איז טריף. — די קאמוניסטען האבען נאר געוואלט א סטרייק. — לימיטיישאן און קאנטראקטארס, די הויפט פאדערונג, פארווארפען געווארען. — היימאן, דער עק פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

די ווערטער אין תהלים: „בור כרה ויחפרוהו ויפול בשחת יפעל", האט זיך איצט אממערהסטענס צוגעפאסט צו די אזוי גערופענע קאמוניסטישע חברה, וועלכע האבען געמאכט זייער אויפגאבע צו באשמוצען יעדען פיהרער אין דער ארבייטער באוועגונג. זיי פאלען אליין אריין אין דעם גרוב וואס זיי האבען אויסגעגראבען.

אויף דעם קרימינאלען לייבעל פראצעס, וואס פרעזידענט זיגמאן פיהרט אן נעגען די חברה וואס זיי האבען איהם און זיין פרוי געזוכט צו באשמוצען, ציינט זיך ארויס אויף שריט און טריט זייער דורכפאל און זייערע אלע ליגענס. זייער אייגענער לאיער בודין פאלט צוריק ביים קרייז פארהער. אנשטאט צו פארטומלען פרעז. זיגמאן ווערט ער פארטומעלט דורך זיינע אייגענע פראגען, ער ווערט פארפלאנטערט אין זיינע אייגענע רייד און פיהרט אויס דערמיט וואס זיגמאן ברענגט ארויס קלאהרע איינצעלהייטען און פאקטען ווי

(שלוס אויף זייט 12)

דיוס קאנטראל וועט דורכגעפירט ווערען אין אלע קלאוק און דרעס שעפער

מעמבערס וועלען דארפען גוט מאכען זייערע דיוס ניט שפעטער ווי דעם מאנאט. — קאמפיין פאר פאראויס דיוס וועט אנגעפיהרט ווערען. — ביזנעס אייגדזשענטס נעמען אן פרייוויליג צו קענוועסען פאר דזשאדזש פענקין'ס ערוועהלונג.

אויף א מיטינג פון ביזנעס אייגדזשענטס און מענעדזשערס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 4טען אקטאבער, אין קאונסיל רום פון דער אינטערנעשאנאל בילדינג, איז ארויסגעבראכט געווארען דער פאקט, דאס כאטש עס איז איצט סלעק אין די שעפער, פונדעסטוועגען הערשט ארדנונג צווישען די מעמבערס.

דער צוטרוי צו דער אינטערנעשאנאל איז געוואקסען און די מאראל פון די מעמבערס איז אומפארגלייכבאר געהויבען געווארען.

די אזוי גערופענע קאמוניסטען זיינען שוין איצט א פארגעסענע זאך אין די שעפער. עס ווערט וועגען זיי אין ערגעץ מעהר ניט דעבאטירט. יעדער שאפ איז פארנומען מיט דעם פראבלעם פון דעם קליינעם און גרויסען שאפ, וואס פרעזידענט זיגמאן האט די לעצטע צייט ארויסגעבראכט אויף דעם טאג־ארדנונג פון דער יוניאן. פארשטעהט זיך, אז דער סלעק האט א געוויסע ווירקונג, אבער ווי עס ציינט זיך ארויס וועט אין די קומענדע פאר וואכען זיין מעהר ארבייט.

די ביזנעס אייגדזשענטס און מענעדזשערס מיטינג, וואס דזשענעראל מענע[illegible] האט צוזאמענגערופען כדי צו קריגען רעפארטס פון די שעפער, הא[illegible] אנצופאנגען א קאמפיין, אז ניט נאר זאל יעדער מעמבער באצאהלען זיינע שולדען און דיוס ביז „אפ טו דייט", נאר אויך אז דאס זאל אין פאראויס באצאהלט ווערען.

ביים מיטינג איז אויך אנוועזענד געווען ברודער מעץ, אלס א קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי, און האט אין נאמען פון דזשאדזש פענקין קאמפיין קאמיטע אפעלירט צו די ביזנעס אייגדזשענטס ווי ווייט מעגליך בייצושטייערן זייער פרייוויליגע הילף פאר דעם קאמפיין צו ווידערערוועהלען דזשאדזש דזשייקאב

(שלוס אויף זייט 2)

קליוולענדער אגרימענט מיט די באלעבאטים וועט נאר אין קורצען אויסגעגליכען ווערען, באריכטעט פרעזידענט זיגמאן

טיים גאראנטי וועט בלייבען ווי געוועזן. — אגרימענט וועט אויך ענטהאלטען אייניגע וויכטיגע אויסבעסערונגען. — דזשוינט באארד זוכט צו קריגען קאנטראל איבער די עטליכע ניט יוניאן שעפער אין קליוולענדער מארקעט.

פרעזידענט זיגמאן איז לעצטע וואך געווען אין קליוולאנד אום צו קאנפערירען מיט דער דארטיגער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן וועגען דער באנייאונג פון דעם אגרימענט וואס די יוניאן האט מיט די קליוולאנדער באלעבאטים. לעצטען שבת איז ער געקומען צוריק פון ניו יארק און זיין באריכט איז, אז די אויסזיכטען פאר א סעטעלמענט, פאר א ווידער־באנייאונג פון דעם אגרימענט זיינען זעהר גוטע.

אויף דער קאנפערענץ האט אויך אנטייל גענומען וויים פרעזידענט קריינדלער, דער ביזנעס אייגדזשענט קאטאווסקי און טשערמאן לואיס פריינד. פרעזידענט זיגמאן האט געהאט צוויי מיטינגען מיט די פארשטעהער פון דער קליוולענדער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. און נאך א דיסקוסיע וואס האט גענומען שטונדען־לאנג איז מען געקומען צו א פארשטענדיגונג וועגען די הויפט

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 42.

זייט 2. דזשאינט באארד באריכט — ב. מאזער.
זייט 3. דעבאטע־סימפאזיום איבער פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט — פנחס בן שמואל.
זייט 4. א שיקאגא'ער פיודזש.
זייט 5. דער איינציגער אויפ'ן שיף (ערציילונג) — אל. גוריה.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. א נייער יאהר — ל. לאנג. נייעס.
זייט 8. אינטערנאציאנאלע ארבייטער נייעס — פ. קראקאווסקי. א בריף — ע. קאליש.
זייט 9. דאס פראבלעם פון קליינעם שאפ (2טער ארטיקעל) — פ. קורינסקי.
זייט 10, 11 און 12. שלוסען, נייעס, א.א.וו.

אלע אינטערנעשאנעל לאקאלס וועלען דיסקוטירען די פראפארשאנעל רעפרעזענטיישאן פראגע

א סימפאזיום וועגען דיזען רעפארם וועט אפגעהאלטען ווערען היינטיגען שבת, 2 אזייגער נאכמיטאג, אין אינטערנעשאנעל אודיטאריום — פרעזידענט זיגמאן, דובינסקי, נינפא און גרינבערג וועלען אנטייל נעמען.

דער רעפערענדום איבער פראפארשאנעל רעפרעזענטיישאן וועט אפגעהאלטען ווערען אין אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס איבער'ן גאנצען לאנד צווישען אקטאבער דעם 15טען און נאוועמבער דעם 15טען, לויט דעם באשלוס פון דער דזשענ. עקז. באארד דא ניט לאנג אין באסטאן.

כדי די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זאלען קענען פאסען פאר זיך א קלארע און פעסטע מיינונג וועגען דיזער פראגע, האט די סאב־קאמיטע פון דזשענ. עקז. באארד ריזאלווד ארויסגעשיקט נאך א בריף צו די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע לאקאלען איבער'ן לאנד, אין וועלכען זיי ווערען אויפגעפאדערט צו ארראנזשירען דיסקוסיעס און דעבאטעס וועגען פראפארשיאנאל רעפרעזענטיישאן אזוי שנעל ווי מעגליך.

וויטער האט וויס־פרעזידענט הערי גרינבערג, דער סעקרעטער פון דער סאב־קאמיטע, אנגעזאגט די עקזעקוטיוועס, אז די אפשטימונג וועגען דער פראגע דארף פארקומען ביי א ספעציעלען מעמבער־מיטינג, וואו עס זאל גענוי באהאנדעלט ווערען די פראגע און אויפ'ן שטעל אפגעשטימט ווערען. די אפשטימונג דארף זיין א געהיימע, דורך באלאטס, וואס דער דזשענעראל אפיס וועט צושיקען פאר אלע לאקאלס, און גלייך נאך דער אפשטימונג זאל א קאמיטע צעהלען די שטימען און אפגעבען דעם רעזולטאט.

א סימפאזיום וועגען פראפארשיאנעל רעפרעזענטיישאן וועט אפגעהאלטען ווערען אין ניו יארק קומענדען שבת נאכמיטאג, 2 אזייגער, אין אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט. פארשטעהער פון אלע ניו יארקער לאקאלס, וואס האבען פארשיידענע שטאנדפונקטען אין דיזען פראגע, וועלען ריידען. צווישען די וואס האבען צוגעזאגט צו זיין ביי דיזער פארזאמלונג זיינען: פרעז. זיגמאן, וויס פרעזידענטס נינפא, דובינסקי, גרינבערג און ברידער ב. קאפלאן, נ. קוירצמאן, פ. קורינסקי און מ. י. אשפיז.

אלע אקטיווע מיטגלידער זיינען איינגעלאדען צו קומען צו דיזען סימפאזיום און נעמען אן אנטייל אין דער דיסקוסיע.

אינטערנעשאנאל גען. עקז. באורד אינדארסירט איינשטימיג דזשאדזש פענקינ'ס קאנדידאטור

(שלוס פון זייט 1)

רעקארד פון צעהן יאהר געטריייע איבערגעבענע דינסט אין דעם קאורט פון ארימע לייט. דזשאדזש פענקין האט דורך די צעהן יאהר, זייענדיג דזשאדזש, באוויזען אז מענשליכע רעכט שטעהט ביי איהם העכער פון אייגענטום. וואו נאר עס איז מעגליך געווען, האט ער באוויזען די מענשליכע רעכט צו פארטיידיגען.

פענקין'ס רעקארד אלס סאציאליסט און טרייד־יוניאניסט איז ווירקליך א גלענצענדער. ער האט געהאלפען בויען די מעכטיגע אידישע יוניאנס אויף דער איסט סייד. דאס איז א זאך וואס איז צו אלעמען באקאנט. ער האט אבער אויך זיך געמאכט א גלענצענדען רעקארד אין קאורט, וואו ער איז פאר 10 יאהר צייט געווען דזשאדזש. ער האט ארויסגעוויזען א געוואלדיגע אומפארטייאישקייט. דער פאקט איז, אז ער האט גע־קראגען די אינדארסמענט פון דער באר אסאסיאיישאן.

אלע ליבעראלע, פראגרעסיווע און אנשטענדיגע עלעמענטען, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט צו האלטען דאס געריכט־שטול ריין פון'ם פאליטישען'ס איינפלוס און זיינען פאראינטערעסירט אין א ריינע אדמיניסטראציע, אן אדמיניסטראציע, וואו גערעכטיגקייט זאל הערשען פאר אלעמען גלייך; וואו די ארימע ארבייטער זאלען קריגען דיזעלבע גערעכטיגקייט ווי דער רייכער, זיינען איצט אלע פאראייניגט צו שטיצען דזשאדזש פענקין אלס קאנדידאט פאר מוניסיפאל דזשאדזש.

עס פרעהט אונז צו אינדארסירען דזשאדזש פענקין, ווייל מיר ווייסען זיין רעקארד. מיר ווייסען, אז דזשאדזש פענקין פארטרעט א מענשליכען אידעאל און ער האט א ליבע צו די מענשען און פארמאגט די וויסענשאפט און ערפארונג ווי אזוי צו דינען די מענשען אין זייערע בעסטע אינטערעסען. ער פארשטעהט די עקאנאמישע אורזאכען, וועלכע ברענגען דעם קלעגער און דעם אנגעקלאגטען אין געריכט־הויז, און אזוי ארום קאן ער ארויסטראגען א גערעכטען אורטייל, וואס איז אלעמאל לויט דעם דין פון יושר און מענשליכקייט.

אונזערע מיטגלידער, וועלכע וואוינען אין דעם דיסטריקט, וואו דזשאדזש פענקין לויפט פאר דעם ריכטער אמט, האבען איצט די געלעגענהייט אויסצודריקען זייער אנערקענונג און שעצונג צו דזשאדזש פענקין. עס וועט זיין א כבוד פאר זיי אז פענקין וועט ווידער ערוויילט ווערען.

עס וועט זיין א כבוד און א שטאלץ פאר דעם גאנצען ארבייטער דיסטריקט, דאס א מאן וואס ער איז אלעמאל געווען נאהענט צו די אידעאלען און ארבייטער קעמפע, וועט ווידער ערוויילט ווערען. מיר מאכען דעריבער אן ערנסטען אויפרוף צו אלע אונזערע מיטגלידער, זיי זאלען זיך אריינווארפען אין דעם קאמפיין; העלפען פינאנציעל און העלפען אויף יעדען געביט צו ערוויילען דעם מאן וואס האט אלעמאל געדינט און איז אלעמאל גרייט צו דינען די ארבייטער אינטערעסען, און איז גרייט אלעמאל צו פארטיידיגען מענשליכע רעכט.

דזשאדזש דזשייקאב פענקין מוז ריעלעקטעט ווערען.

א ווערטהפול קונסטווערק גיט צון כאראקטער און ווירדע צו אייער היים. דאס איז א באוויז פון גוטען געשמאק און העכערער קולטור.

א באקס מיוראד אויפ'ן טיש שאפט אן אטמאספערע פון בעסערען טאן ביי אייער מאלצייט. דאס איז א סימן פון גוטען געשמאק און וויזט אז מען פערשטעהט זיך אויף די בעסערע זאכען פון לעבען.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סיגארעט פאר דעם אויסערגעוועהנליכען מאן. וועלכער פיהלט דאס ער איז בארעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען

דזש. באארד הערט אויס פלענער וועגען ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די דרעס מאכער

אקטיווע מיטגלידער פון לאקאל 22 און 89 פארטיג צו נעמען זיך צו דער דער גרויסער ארבייט.

די לעצטע פאר יום טובים וואכען האט זיך דער ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס איז איבערהויפט אנגעפיהרט געווארען אין דעם סלאוק צענטער אויף א ווייל אפגעשטעלט. די אקטיווע מיטגלידער האבען זיך דורך דער צייט אביסעל אפגערוהט, אבער גלייך אין די קומענדע פאר וואכען וועט ווידער, צוזאמען מיט דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין וואס וועט אנגעהן נאך מיט פארשטארקטער טעטיגקייט, נעקסטען סיזאן, ווערען אויך צוגעגרייט ארגאניזאציאנס פלענער פון א גרויסען ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די דרעסעס, און די דרעס באסעס וועלען איינזעהן אז די דרעסמאכער זיינען נאך ניט געווארען קיין געהארכזאמע שקלאפען אז זיי זאלען זיך אונטערגעבען צו ארבייטען אונטער סיי וועלכע באדינגונגען.

די אמאליגע קאמפס פעהיגע דרעסמאכער פארשטעהען די לאגע. און יעדער שאפ וואס איז ארויסגעפאלען פון יוניאן־קאנדישאנס דורך דעם כאאס אין דער אינדוסטריע צוליב פארשיידענע איבלען, אריינגעכענענדיג דעם ברודער־קריג, וועלכע די אזוי גערופענעם קאמוניסטען האבען ארויפגעצוואונגען, איז פארטיג זיך אפצורופען אויף דעם רוף פון דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין.

שאפ נאך שאפ וועלען גערופען ווערען פאר דעם צוועק. דער פאקט איז, אז פילע שעפער ווערען שוין גערופען און עס ווערט אגיטירט פאר א שטארקען ארגאניזאציאנס קאמפיין. די שעפער וואס ווערען גערופען זיינען גוט באזוכט און עס פילט זיך א לעבעדיגקייט, א מונטערער גייסט.

די אקטיווע מעמבערס פון דעם דרעס לאקאל זיינען כמעט אלע איינשטימיג מיט דער מיינונג, אז די יוניאן האט שוין די ערנסטע צייט איבערגעלעבט. די פעריאדע פון ברודער קריג, פון מאכטלאזינקייט, מאטערניש איז איצט הינטער אונז. דער באוויז איז: די ווידער גוט־שטעהענדע מיטגלידערשאפט אין דער יוניאן, די גוט באזוכטע סעקשאן מיטינגען, די אלגעמיינע פיבערהאפטע טעטיגקייט אין דער גאנצער יוניאן. די אלע סימנים ציינען, אז מיר מאכען פארטשריט און אז די צייט איז ניט ווייט אוועק ווען אונזער ארגאניזאציע וועט אויסוואקסען נאך שטארקער ווי ווען עס איז פריהער.

מאר מען דעריבער איצט ניט פארנאכלעסיגען די צייט. מען מוז זיך דעריבער נעמען צו דער וויכטיגער ארבייט, וואס זאל פארטרייבען די אנגעפלאדערטע סקעב שעפער אין טרייד. מען מוז אנפיהרען אן אינטענסיווען ארגאניזאציאנס־קאמפיין, וואס זאל אויפאיבען א שטארקען קאנטראל איבער'ן טרייד. און דאס, האט דער דזשענעראל מענעדזשער האכמאן באריכטעט, נעהט נעמען ווערען גאר אין גיכען. עס ווערט שוין גענומען די צוגרייטונגס ארבייט. עס איז פאר דעם דא די פעסטע אנטשלאסענהייט ביי די דרעס מאכער. עס איז דא דער אייזערנער ווילען פון די יוניאן לייט די ארבייט אנצוהויבען.

די דרעס מאכער קאנען מעהר ניט זיצען אין די שעפער איינגעבויגען די קעפ און פארביסען מיט די ליפען און האלטען מויל. זיי קאנען מעהר ניט ליידען און שווייגען. זיי זיינען שוין פשוט ניט געוואוינט דערצו, ווייל זיי האבען פאר יאהרען לאנג פארזוכט דעם טעם פון א שטארקער יוניאן.

די דרעסמאכער לעבען אויף מיט בארנייטע האפנונגען און דערפרישטע כוחות. עס ווערט באצייטענס טעטיג די ארבייט פאר דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין. עס ווערט די פראגע דיסקוטירט זעהר אפט ביי דעם דרעס מאכער לאקאל עקזעקוטיוו באארד. און אין א גאר קורצער צייט וועלען מיר האבען צו באריכטען וועגען ערנסטע פאסירונגען אין דעם דרעס טרייד, וועגען ערנסטע אויפטואונגען, וועגען פאקטען פון דעם פיל פארבעסערטען צושטאנד אין דער גאנצער אינדוסטריע.

ברודער דעמביצער פאהרט ארויס איבער'ן לאנד אויף א פראפאגאנדע טור פאר אונזער יוניאן

ער וועט באזוכען אלע אונזערע לאקאלס, צענטראלע קערפערשאפטען, ארבייטער רינג ברענטשעס און פארשידענע אנדערע ארבייטער אינסטיטוציעס אין שיקאגא, סט. לואיס, קליוולאנד, טאלידא, פיטסבורג, פילאדעלפיא און באסטאן.

לויט א באשלוס פון דער לעצטער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, פאהרט ברודער פ. דעמביצער, דער מענעדזשער פון דעם פראפאגאנדע דעפארטמענט, ארויס אויף א 6 וואכיגען טור איבער'ן לאנד, און וועט באזוכען שיקאגא, סט. לואיס, קליוולאנד, טאלידא, פיטסבורג, פילאדעלפיא, באסטאן און אנדערע שטעדט. ברודער דעמביצער וועט באזוכען אונזערע לאקאלס, צענטראלע יוניאן קערפערשאפטען, ארבייטער רינג ברענטשעס, און פארשידענע ארבייטער אינסטיטוציעס. ער וועט איבערהויפט געבען אינפארמאציעס [illegible] איצטיגען צושטאנד אין אונזער [illegible] באשרייבען די איצטיגע באדינגונגען אין דעם טרייד, און באריהרען די [illegible]

עס זיינען ארויסגעשיקט געווארען בריעף צו אלע באטרעפענדע ארגאניזאציעס וועגען די נויטווענדיגע אראנזשימענטס, און מיר בעטען אלע ארבייטער אינסטיטוציעס, וואס אינטערעסירען זיך מיט דעם איצטיגען צושטאנד פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג און זיינען פאראינטערעסירט אין פערזענליכער אינפארמאציע, זיך צו פארבינדען מיט אונזערע יוניאן לאקאלען פון די באטרעפענדע שטעדט, וועלכע ברודער דעמביצער וועט באזוכען. ברודער דעמביצער וועט אויך אין אלע שטעדט ארויסטרעטען אויף גרויסע מיטינגען און אונזערע יוניאן פארזאמלונגען וועלען [illegible], כדי דיזע מיטינגען [illegible] פאר א גרויסען ערפאלג.